STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02467

DER VEG INDERLUFTN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די באַהערשונג פון יבשה, ים און לופט.

צוזאַמענגעשטעלט פון דודל.

III.

דער וועג אין דער לופטן.

פאַרלאַג
„קולטור=ליגע“
ביאַליסטאָק.

№ 26.

1921.

דרוק ס. פּרווּשאַנסקי, ביאַליסטאָק.

די באַהערשונג
פון יבשה, ים און לופט.

צוזאַמענגעשטעלט פון דודל.

III.

דער וועג אינדערלופטן.

(ווי אַזוי האָבן זיך מענטשן אויסגעלערנט פליִען?)

פאַרלאַג
„קולטור ליגע“
ביאַליסטאָק.

1921.

2193

National Yiddish Book Exchange

דרוק מ. פרושאַנסקי ביאַליסטאָק.

ביאליס־
טאקער
ראיאן
קולטור
ליגע

דער וועג אינדערלופטן.

I.

לופטבאַלאָנען.

דער מענטשלאַכער שכל.—די לעגענדע וועגן דעדאַל און איקאַר.—די קרבנות פון לופטפליערײַ.—די ברי-דער מאָנגאָלפיע.—דער פליענדיקער זאַק.—שאַרל.—זײַנע פרובן.—דער שלעכטער סוף פון זײַן לופטבאַ-לאָן.—די ערשטע לעבעדיקע לופטפליער.—פילאַטר-דע-ראַזיע.—זײַן לופטנסיעה.—זײַן טויט.—בלאַנשאַרס לופטרײַזע איבערן ים.—10 וויאָרסט אינדערהויך,—ווי איז געבויט אַ לופטבאַלאָן.

פון אייביק אָן האָבן מענטשן געזוכט מיטלען, ווי אזוי זיך צו פארלייכטערן דאָס ארומוואנדערן פון איין אָרט צום צווייטן.

זיי האָבן ניט פאַרמאָגט אזוינע גיכע פיס, ווי דער גיכפיסיקער הירש, און האָבן ניט געקענט זיך לאנג האלטן און שווימען איבערן וואסער, ווי א גאנז.

אָבער דערפאַר האָט זיי די נאטור געבענטשט מיט שכל, און א דאנק זיין שכל האָט דער מענטש שוין פון לאנג אָן איינגעצאמט די ווילדע פערד און געפאָרן אויף זייער רוקן; א דאנק זיין שכל האָט ער צוגעקלערט זעגלען און אויסגענוצט דעם פרייען ווינט צום שווימען איבערן ים.

איין זאך האָט זיך אים אָבער לאנג ניט איינגעגעבן — זיך אויפהויבן און פליען, ווי א פויגל, אינדערלופטן.

ס'איז ניט געווען אין דער וועלט אזא מין גרויסער פויגל, וועלכן מ'זאָל קענען אָנזאָטלען און רייטן אויף אים ווי אויף א פערד.

דעריבער האָבן מענטשן פון אייביק אָן געקוקט מיט גרויס קנאה אויף די פייגלען און שוין מיט א סך דורות צוריק האָבן זיי געזוכט א מיטל, ווי זיך צו פאַרגלייכן מיט זיי.

* *
*

א גריכישע לעגענדע דערציילט אונז, ווי אזוי צוויי בריבן, דעדאל און זיין זון איקאר, זיינען פארוואָרפן געוואָרן אויף א פרעמדן אינזל, פון וועלכן זיי האָבן זיך בשום-אופן ניט געקענט אריבערקלייבן אהיים אין זייער געבורטס-שטאָט אטהען.

און דאמאָלסט האָט זיך דעדאל דערמאָנט וועגן דער וועלטענער ערפינדונג פון זיין פלימעניק טאלאָס, וועלכן ס'האָט זיך איינגעגעבן מאכן זיך א פאָר פליגלען פון פעדערן, אָנטאָן זיי אויף די אקסלען און פליען אינדערלופטן, מאכנדיק די זעלביקע באוועגונגען, ווי א פויגל.

דעדאל האָט פון גרויס קנאה דאמאָלסט דערהרגעט טאלאָסן.

איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן טאלאָסעס ערפינדונג און צוזאמען מיטן זון האָבן זיי זיך געמאכט אזוינע פליגלען פון פעדערן.

לכתחילה איז די נסיעה אינדערלופטן געגאנגען גוט.

באלד האָט זיך אָבער אויפגעהויבן א שטארקער ווינט, ער האָט אויסגעריסן די פעדערן פון די פליגלען, ביידע פליער זיינען אראָפגעפאלן אויף דר'ערד, און איקאר, דעדאלס זון, איז געהרגעט געוואָרן.

ס׳איז פארשטייט זיך, א גרויסער ספק צי אלץ אין דער לעגענדע האָט זיך טאקי געטראָפן אויף אן אמת.

די מעשה באווייזט אָבער, אז שוין פון לאנג, לאנג אָן האָבן מענטשן געשטרעבט זיך צו פארגלייכן מיט פייגלען און פליען אינדערלופטן.

מיט העכער 1800 יאָר צוריק האָט אין דער שטאָט רוים געלעבט איינער א מענטש מיטן נאָמען שמעון.

ניט אומזיסט האָבן אים אלע געהאלטן פאר א כישוף־מאכער: אים האָט זיך איינגעגעבן אויפצוהויבן פון דער ערד און זיך איינהאלטן א פּאָר מינוט אינדערלופטן. ער איז אָבער אראָפּגעפאלן און זיך צעקלאפּט אויף טויט.

נאָך שפּעטער, ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, האָט זיך אין דער שטאָט קאָנסטאנטינאָפּאָל (אין טערקיי) איינעם אן אראבער פארגלוסט צו פליען אינדער־לופטן.

האָט ער זיך אויפגענייט א ראָק מיט לאנגע פאָלעס, צונויפגעשטשעפּעט די ברעגעס מיט א דינעם ים־שטעקל און זיך אראָפּגעוואָרפן פון א הויכן דאך.

דער אראבער האָט געמיינט, אז די לופט וועט אָנ־בלאָזן די פאָלעס, ווי זעגלען פון א שיף, און וועט אים האלטן אינדערהויך.

אָבער זיין אויסרעכענונג האָט זיך ארויסגעוויזן פאר

פאלש, און דער אומגליקלאכער איז דערהרגעט געוואָרן אויף טויט.

נאָך א סך יאָרן זיינען אוועק, און ווידער האָט זיך אין לאנד איטאליע געפונען א מענטש, וואָס האָט געוואָלט זיך פארגלייכן צו א פֿויגל.

ער האָט זיך געמאכט א פּאָר גרויסע פֿליגלען, אָנגעטאָן זיי און איז טאקע דורכגעפלויגן אינדערלופטן א קליינעם מהלך הויך איבער די הייזער.

באלד איז אָבער איין פליגל עפּעס געשעדיקט געוואָרן און דער מוטיקער לופטפליער איז אראָפּגעפאלן און זיך צעבראָכן א פוס.

אזא סאָרט פליגלען האָט זיך געמאכט אויך איינער א געלערנטער, אן ענגלענדער.

ער האָט זיי אָנגעטאָן אויף די הענט און אויף די פיס און זיך א וואָרף געטאָן פון א הויכן טורים.

אויף דרייסיק קלאפטער האָט זיך אים איינגעגעבן אראָפּצולאָזן גליקלאך, אָבער דאמאָלסט איז ער געפאלן, ווי א שטיין, אויף דר׳ערד און געבליבן א קאליקער אויפן גאנצן לעבן.

נאָך פיל מענטשן האָבן געפּרובט מנצח זיין די לופט אָבער אלע זייערע פרובן זיינען געבליבן ארויסגעוואָרפן.

* *
*

שווער איז געווען דער אָנהייב און נישטיק זיינען געווען די ערפּאָלגן, אָבער סוף־כל־סוף האָבן מענטשן פאַרדערגרייכט דעם ציל, צו וועלכן אזויפיל דורות האָבן געשטרעבט.

דער כּבוד פון דער גרויסער ערפינדונג איז אויסגעפאלן אויפן גורל פון צווי פראנצויזן—די ברידער מ אָ נ ג אָ ל פ י ע.

פון די יונגע יאָרן אָן האָבן ביידע ברידער תּמיד געקלערט, ווי אזוי הייבט מען זיך אויף אינדערלופטן.

טרעפט איינמאָל דעם עלטערן ברודער, יוסף, אוועקפאָרן פון דערהיים.

ס'איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה צווישן פראנקרייך און עסטרייך. פלעגט מען אומעטום פאַרקויפן בילדער פון דער מלחמה.

דערזעט מאָנגאָלפיע א בילד, אויף וועלכן ס'איז געשילדערט, ווי דער שונא האָט ארומגערינגלט א שטאָט פון אלע זייטן, און די איינוואוינער קענען אפילו קיין ידיעה וועגן זייער אומגליק ניט שיקן.

— אָט, ווען איינער וואָלט געקענט ארויספליען פון שטאָט איבערן שונאס לאגער — קלערט מאָנגאָלפיע — דאַמאָלסט וואָלט אפשר די גאנצע שטאָט געראטעוועט געוואָרן.

דערזעט פלוצלונג מאַנגאַלפּיע, ווי דער רויך הייבט זיך פון קוימען ארויפצו, אינדערלופטן.

פארטראכט ער זיך:

— אַט פליט דאָך דער רויך ארויפצו. פארוואָס? ווייל דער רויך איז גרינגער פאר דער לופט און שווימט ארויף אויף אויבן, פונקט ווי א שטיקל האָלץ שווימט ארויף אויפן אויבערפלאך פון וואסער. וואָלט מען געקענט אָנפילן מיט רויך א זאק, וואָלט אים אפשר דער רויך אויך אויפגעהויבן אינדערלופטן; אפשר פרובן?

און מאַנגאַלפּיע האָט געקריגן שטייפע שטאָף, אויפגענייט א זאק מיט א שמאָלער עפענונג און גענומען האלטן דעם זאק מיט דער עפענונג צום אויוון, ס'זאָל ארייַן אין אים דער רויך.

האלט ער אזוי דעם זאק און... פלוצלונג — דער זאק ווערט אָנגעבלאָזן, אלץ מערער און מערער, ווערט קיילאכדיק — מאַנגאַלפּיע לאָזט אים ארויס פון די הענט, און דער זאק הייבט זיך פאמעלאך אויף צום באלקן.

געקומען אהיים, האָט יוסף אלץ דערציילט זיין ברודער, עטיען, און ביידע האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט.

דעם זאק האָבן זיי שוין איצט ארויסגעלאָזן אין גאס, ער האָט זיך אויפגעהויבן הויך, הויך, אוועקגעפלויגן מיטן ווינט און זיך אראָפּגעלאָזן ערשט אויפן דערבייאיקן בערגל.

שווער צו באשרייבן די שמחה פון די ברידער. זיי איז געלונגען צו דערגרייכן דאָס, צו וואָס מענטשן האָבן געשטרעבט דורות־לאנג; זיי האט זיך איינגעגעבן צו אנטדעקן איינע פון די גרעסטע וואונדער אויף דער וועלט!

* * *

די ברידער מאנגאָלפיע האָבן באשלאָסן אנטפלעקן זייער ערפינדונג, און האָבן מודיע געווען אלע איינוואוינער פון דער שטאָט, אז דעם 5־טן יוני 1783־טן יאָר וועלן זיי אלעמען ווייזן, ווי אזוי א גרויסער זאק וועט זיך אויפהויבן פון דר'ערד און אוועקפליען אינדערלופטן.

ס'איז געקומען דער באשטימטער טאָג. א גרויסער עולם איז זיך צונויפגעלאָפן זען דעם גרויסן וואונדער און ס'איז טאקע געווען וואָס צו זען!

דער גרויסער זאק, וואָס ביי זיין עפענונג האָט מען פונאנדערגעלייגט א גרויסן פייער, האָט זיך גענומען בים לאכוייז פונאנדערבלאָזן און זיך רייסן אינדערהויך.

די ברידער מאָנגאָלפיע גיבן דעם באשטימטן צייכן. די ארבעטער לאָזן אָפּ די שטריק און דער גרויסער זאק פליט אוועק ארויף, ארויף צו די וואָלקנס!

די ברידער מאָנגאָלפיע האָבן זיך אין זייער אויסרעכענונג ניט גענארט, אין איין זאך האָבן זיי נאָר א טעות געהאט:

ניט דער רויך האָט עס אויפגעהויבן דעם זאק. דער זאק גאָר איז געפלויגן אָט צוליב וואָס:

דער פייער, וועלכן מ'האָט פונאנדערגעליינט ביי דער עפענונג פון זאק, האָט אָנגעווארימט די לופט, וואָס אין אים. ווארימע לופט איז גרינגער, ווי קאלטע, און רייסט זיך דעריבער ארויפצו.

אזוי צי אזוי—דער וואונדער איז אָבער געווען זייער גרויס און מ'האָט זיך אינגיכן דערוואוסט וועגן אים אין פאריז, דער הויפטשטאָט פון פראנקרייך.

די פאריזער געלערנטע האָבן גלייך באשלאָסן ארויס־רופן קיין פאריז די ביידע ברידער מאָנגאָלפיע.

* *
*

אין פאריז האָט דאמאָלסט געלעבט א יונגער גע־לערנטער מיטן נאָמען שארל.

בשעת ער האָט דערהערט וועגן מאָנגאָלפיעס אנטדע־קונג, איז ער געפאלן אויף א נייעם שכל.

ער האָט זיך דערמאָנט, אז מיט עטלאכע יאָר צוריק האָט אן ענגלישער געלערנטער אנטדעקט אזא מין גאז— וואסערגאז, וועלכער איז אין 14 מאָל גרינגער, ווי לופט.

— אויב מע זאָל אָנפילן א זאק מיט אָט דעם גאז— האָט באקלערט שארל—וועט ער געוויס פליען בעסער, ווי מיט ווארימער לופט.

שארל האָט גאנץ גוט פארשטאנען, דעם שכל, פארוואָס

דער לופטבאלאָן פליט אינדערלופטן. נים דער לופטבאלאָן הייבט זיך אליין ארויף, נאָר די ארומיקע לופט שטופט עס אים ארויפצו. שארל האָט פארשטאנען, אז מיטן לופטבאלאָן אינדערלופטן קומט פאָר דאָסזעלביקע, ווי מיט א שטיקל האָלץ אין וואסער. דאָס שטיקל האָלץ איז גרינגער, ווי דאָס וואסער, און ווערט דעריבער ארויסגעשטופט אויפן אויבער־פלאך; פונקט אזוי שטופט אויך די ארומיקע קאלטע לופט ארויפצו דעם לופטבאלאָן, וואָס איז אָנגעפילט מיט וואַרי־מער לופט, ווייל די ווארימע לופט איז גרינגער, ווי די קאלטע.

שארל האָט אויך בארעכנט, אז וואָס גרינגער דאָס שטיקל האָלץ איז, אלץ שטארקער שטופט אים ארויף דאָס וואסער. וואָס גרינגער ס'וועט זיין דער לופטבאלאָן, האָט ער געקלערט, אלץ בעסער וועט ער שווימען אינדערלופטן. וואָס מערער די לופט אינם באלאָן איז אָנגעווארימט, אלץ גרינ־גער ווערט דער באלאָן, אלץ העכער הייבט ער זיך אינדער־לופטן. ווי נאָר די לופט אין אים קילט זיך אָפּ, גלייך ווערט דער לופטבאלאָן שווערער און מוז זיך אראָפּלאזן צו דר'ערד. און טאקע דערפאר, האָט שארל באשלאָסן, איז א סך בעסער אָנפילן דעם לופטבאלאָן מיטן גרינגן וואסערגאז, וועלכער האָט נים מורא פאר קיין שום אָפּקילונג.

שארל האָט אנטדעקט זיינע געדאנקען פאר זיינע צוויי גוטע פריינד, די ברידער ראָבער, און זיי האָבן צוזאמען

זיך גענומען צו דער ארבעט.

דעם זאק האָבן זיי באשלאָסן צו מאכן פון דינעם זייד און דורכזאפן אים מיט לאק, ער זאָל ניט דורכלאָזן קיין לופט.

גאנצע פיר טעג האָט געדויערט, איידער מ׳האָט דעם זאק אָנגעפילט מיט וואסערגאז.

ענדלאך איז דער לופטבאלאָן געוואָרן פארטיק.

א גרויסער עולם איז זיך צוזאמענגעלאָפן צו ראָ־בערס הויף, וואו מ׳האָט דעם לופטבאלאָן פארטיק גע־מאכט.

אלע זיינען געקומען אין גרויס התפעלות, ווענדיר ווי דער זאק, וועלכער איז געווען צוגעבונדן מיט שטריק, רייסט זיך אינדערלופטן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט זיך ווידער, ניט קוקנדיק אויפן שטארקן רעגן, צונויפגעקליבן א געוואלטיקער עולם מענטשן.

א שאָס פון א הארמאט האָט מודיע געווען דעם עולם, אַז דער נס וועט באלד געשעען.

מ׳האָט אָפגעלאָזן די שטריק און באגלייט פון טויזנ־טער פארוואונדערטע קולות האָט זיך דער לופטבאלאָן אויפ־געהויבן העכער און העכער. אין צוויי מינוט ארום איז ער פארשוואונדן געוואָרן אין די וואָלקנס.

וואו־זשע איז ער אהינגעקומען?

ער איז געווען צו שטארק אָנגעבלאָזן, האָט ער דע־ריבער געפּלאצט. און איז אראָפּגעפאלן אין א קליינעם דאָרף, פינף שעה רייזע פון פאריז.

די פויערים האָבן זיך דערשראָקן צום טויט, בשעת זיי האָבן דערזען, ווי א זאק פּאלט אראָפּ צו זיי פון הימל. זיי האָבן געמיינט, אז דאָס איז אפשר די פעל פון א גרוי־סער נאָך ניט געזעענער כישוף־פויגל.

זיינען זיי באפאלן דעם זאק מיטווידלעס און קאָסעס און צעריסן און צעשניטן אים אויף שטיק־שטיקער.

ווען מ'האָט זיך דערוואוסט אין פאריז וועגן דעם סוף פון דעם לופטבאלאָן, האָט די רעגירונג ארויסגעלאָזן אן אויפרוף צום גאנצן פאָלק און דערקלערט, וואָס א לופטבא־לאָן איז און ווי מ'דארף זיך באגיין מיט אים, אויב ער וועט ערגיץ וואו אראָפּפאלן.

* *
*

צו יענער צייט זיינען געקומען קיין פאריז די ברידער מאָנגאָלפיע.

זיי האָבן באקלערט צו מאכן אזא לופטבאלאָן, וועל־כער זאָל קענען עפּעס מיטפירן מיט זיך.

לכתחילה האָט מען געוואָלט צוטשעפּען צום לופט־

באלאָן א צען—צוועלף פּוד וואָג, אָבער נאָכהער האָט מען באשלאָסן אויספּרובן, צי וועלן אויך לעבעדיקע באשעפענישן זיך קענען אויפהויבן אינדערלופטן.

האָט מען צוגעבונדן צום לופטבאלאָן א קאָרב און אריינגעזעצט אין איר א גאנז, א האָן און א באראן.

דאָס זיינען געווען די ערשטע לעבעדיקע לופטפליער. אכט מינוט האָבן זיי ארומגעשוועבט הויך, הויך איבער דער ערד צווישן די וואָלקנס, און נאָר ווען די לופט אין זאק האָט זיך אָפּגעקילט, האָט זיך דער לופטבאלאָן גענומען אראָפּ־לאָזן.

דער גאנצער פּילטויזנט־קעפּיקער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן צום לופטבאלאָן; אלע האָבן געוואָלט זען, צי די בעלי־חיים זיינען געבליבן לעבן—ערשט, מע זעט—אלע דריי פריש און געזונט. אמת, ביים האָן איז איין פליגל געווען א ביסל צעשעדיקט, און די געלערנטע האָבן זיך אפילו גענומען ברעכן די מוחות, פון וואָס פאר א סיבה דאָס האָט געקענט טרעפן.

אָבער אינגיכן האָט מען פארשטאנען, אז די סיבה איז א גאנץ געוויינלאכע און האָט צום ענין פון לופטפליערײ א קנאפּע שיכות: גאָר פּשוט, דאָס האָט דער באראן, ווילנ־דיק צי ניטווילנדיק, פארטשעפּעט מיטן פוס דעם האָן און צעשעדיקט אים דעם פליגל.

* * *

האָבן די געלערנטע גענומען קלערן: וועמעס לופט־באלאָן איז בעסער: צי מאָנגאָלפיעס מיט דער ווארימער לופט, צי שארלס, מיט דעם וואסערגאז.

איז געוואָרן א גרויסע אמפעריי.

אייניקע געלערנטע זאָגן אזוי, די אנדערע—פּארקערט.

און דאָ אין סאמע רעכטן מיטן מחלוקת האָט זיך איינער א דרייסטער מענטש פּילאטר־דע־ראָזיע באַשלאָסן אויף אן אויסערגעוויינלאכע, אומדערהערטע זאך.

ער איז געקומען צו די ברידער מאָנגאָלפיע און צו זיי אזוי געזאָגט:

— איך בין זיכער, אז אייערע לופטבאלאָנען זיינען בעסער, ווי שארלס, און קענען אויפהויבן מער משא. ווייל איך, מ'זאָל מיך צובינדן צו אייערן א לופטבאלאָן, איך וועל ארויפפליען הויך, הויך און פון הימל וועל איך א געשריי טאָן שארלען, אז אייערע לופטבאלאָנען זיינען בעסער פון זיינע!

גערעדט—געטאָן.

לכתחילה האָט ראָזיע זיך אויפגעהויבן אויף א צוגעבונדענעם באלאָן און געווען אינדערלופטן זעקס מינוט, דאַמאָלסט האָט זיך שוין אָבער די לופט אָפּגעקילט און דער באלאָן האָט זיך אראָפּגעלאָזן.

וואָס־זשע טוט מען, דער לופטבאלאָן זאָל זיך קענען האלטן אינדערלופטן לעננער?

איז ביי ראָזיען געבליבן נעמען מיט זיך אין קאָרב א ברענאויזועלע, שטרוי, וואָל און ספירט.

ער האָט געמיינט, אזוי ווי די ברידער מאָנגאָלפיע, אז דעם לופטבאלאָן דארף מען אָנפּילן מיט רויך.

— וועל איך דארפן, לייג איך פונאנדער א פייער —האָט ער געקלערט—און פיל אָן דעם לופטבאלאָן מיט רויך, וויפיל איך וועל נאָר וועלן.

נאָך עטלאכע מאָל האָט זיך דער מוטיקער געלערנטער אויפגעהויבן אויף דעם צוגעבונדענעם לופטבאלאָן, און ענד־לאך האָט ער באשטימט דעם טאָג, ווען ער וועט פליען.

האָט זיך אָבער דערוואוסט דערפון דער קיניג פון פראנקרייך, האָט ער פֿארווערט ראָזיען זיך אויפהויבן אויפֿן לופטבאלאָן.

— כ׳וויל ניט, דער מוטיקער מענטש זאָל ריזיקירן מיטן לעבן; זאָל מען אפריער פרובן אוועקלאָזן דעם לופט־באלאָן מיט צוויי פֿארברעכער, פארמשפטע צום טויט, זיי איז דאָך שוין אלץ איינס!

אָבער פילאטר־דע־ראָזיע האָט בשום־אופֿן ניט גע־וואָלט נאָכגעבן:

— כ׳וויל ניט אז דער כבוד פון פֿליען דער ערשטער

צום הימל זאָל צוגענומען ווערן ביי מיר; איך מוז פליען!

דער קיניג האָט געמוזט מסכים זיין און דעם 21־טן נאָוועמבער 1783־טן יאָר האָט זיך ראָזיע מיט זיינעם א גוטן פריינד מארקיז ד׳ארמאנד אויפגעהויבן אינדער־לופטן.

אלע גאסן, פלעצער און אפילו די דעכער פון די היי־זער זיינען געווען געפאקט פון מענטשן; יעדערער האָט גע־וואָלט זען דעם גרויסן וואונדער.

אָפגעפלויגן א היבשע צייט, האָט ראָזיע באשלאָסן זיך אראָפצולאָזן. ער האָט אויפגעהערט אונטערצוהאלטן דעם פייער אין אויוועלע, און דער לופטבאלאָן האָט גענומען פאמעלאך אראָפנידערן צו דר׳ערד.

מיט גרויס באגייסטערונג האָט דער גרויסער עולם באגריסט די מוטיקע לופטפליער!..

די שטרעבונג פון פיל דורות איז ענדלאך פאר־ווירקלאכט געוואָרן: דער גרויסער לופטאָקעאן איז אָפן געוואָרן פאר מענטשן.

אין פאריז איז צו יענער צייט געווען דער בארימטער אמעריקאנער געלערנטער פראנקלין. האָט מען אים געפרעגט:

— ווי מיינט איר, וואָס פארא נוצן וועט די וועלט האָבן פון דער נייער ערפינדונג?

האָט פראַנקלין געענטפערט:

— קען מען דען פאָראויסזאָגן, וואָס ס'וועט ווערן פון א קינד, וואָס איז אָקאָרשט געבוירן געוואָרן אויף דער ליכטיקער וועלט!

* * *

דער גרויסער כבוד, וועלכן ראָזיע האָט געגאָסן, האָט ניט געלאָזט רוען שארלען.

ער האָט באַשלאָסן באַווייזן פאַר דער וועלט אז זיין לופטבאַלאָן מיטן וואסערגאז קען אויפהויבן נאָך מער משא, און האָט אויסגעבויט א נייעם לופטשיף מיט א סך אויסבעסערונגען.

ווידער האָבן צענדליקער טויזנטער מענטשן אָנגעפילט דעם פלאַץ, וואו דער לופטבאַלאָן איז געווען צוגעבונדן.

איידער שארל האָט זיך געזעצט אין קאָרב, איז ער צוגעגאנגען צו מאָנגאָלפיע, וועלכער איז אויך ביינעווען, און דערלאנגט אים א קליינעם באַלאָן.

— איר האָט דער ערשטער געוויזן דעם וועג צום הימל — האָט ער געזאָגט, — ווייזט־זשע מיר אויך איצט דעם וועג אהינצו, לאָזט אוועק דעם קליינעם באלאָן ארויפצו!

מאָנגאָלפיע האָט עס מיט א שמייכל געטאָן. ס'האָט א דונער געטאָן א שאָס פון א האַרמאַט, און שארל מיט

זיין באנגלייטער ראָבער האָבן זיך אויפגעהויבן הויך, אינדערלופטן.

א שעה מיט דריי פערטל האָט געדויערט שארלס לופט־רייזע, מיט פיר מאָל מער, ווי די רייזע פון ראָזיע.

דער נצחון איז געבליבן אויף שארלס צד־

* * *

נאָר אויך ראָזיע האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן.

ער האָט מודיע געווען, אז ער וועט פליען נאָכאמאָל און וועט מיטנעמען מיטאמאָל זעקס מענטשן!

בעלנים האָבן זיך געפונען איבערגענוג. און בשעת אלע זעקס פאסאזשירן זיינען שוין געזעסן אין קאָרב און דער לופטבאלאָן האָט זיך שוין אָפגעטיילט פון דר׳ערד, איז פלוצלונג צוגעלאָפן צו אים נאָך א יונגערמאן פון עולם, זיך אָנגעכאַפּט אָן די ברעגעס פון קאָרב און איז אויך אריינגעקראָכן אינעווייניק.

די דאָזיקע רייזע האָט זיך שיר ניט געענדיקט מיט אן אומגליק.

כדי אויסצוהאלטן אזא משא, האָט מען געמוזט גרע־סער מאכן דעם פייער אין ברענאויוועלע, ס׳זאָל זיך שטאר־קער אָנווארימען די לופט אין זאק.

האָט מען זיך אָבער ניט ארומגעזען, ווי דער זאק

האָט זיך צופיל אָנגעבלאָזן און האָט פּלוצלונג אין איין אָרט געפּלאַצט.

און נאָר א דאנק ראָזיעס מוט און קאַלטבלוטיקייט איז געלונגען אויסצומיידן אן אומגליק.

* * *

ראָזיע איז אָבער, חייזט אויס, שוין באַשערט געווען צו שטארבן אויף א לופטבאַלאָן.

איינמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן אינדערלופטן אין א גרויסן ווינט. דער ווינט האָט פארטראָגן א פונק פון ברענאויווּעלע אויפן הייטל פון לופטבאַלאָן, די דינע זייד האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט, דער ברענענדיקער זאק מיטביידע לופטפליער, ראָזיע און זיינעם אַ חבר, איז אראָפּ־געפאַלן, און ראָזיע איז געהרגעט געוואָרן אויף טויט.

ער איז געווען דער ערשטער פליער און צוגלייך אויך דער ערשטער קרבן פון דער פליערײַ אויף לופט־באַלאָנען.

דאמאָלסט האָבן אלע פארשטאנען, אז שארלס לופט־שיפן זיינען זיכערער און בעסער, ווי מאָנגאָלפיעס, און אלע שפּעטערדיקע באַלאָנען ווערן שוין אָנגעפילט ניט מיט וואַ־רימער לופט, נאָר מיטן וואסערגאז אָדער מיטן ליכטגאז.

* * *

נאָך א סך געלערנטע האָבן זיך אויפגעהויבן פיל מאָל אויף לופטבאלאָנען.

אייניקע האָבן זיך מיט זייערע דרייסטע פרובן בארימט געמאכט אויף אייביק. נאָך עד־היום קען מען ניט חייט פון האפן־שטאָט קאלע, אין פראנקרייך, זען א דיינקמאָל, אויף וועלכן ס'זיינען אויסגעשניטן די נעמען פון צוויי לופט־פליער בלאנשאַר און זשעפרים. זיי האָבן זיך באַרימט געמאכט דערמיט, וואָס זיי זיינען די ערשטע אריבער־געפלויגן אויף א לופטבאלאָן איבערן ים־דורכגום לאמאנש, וואָס טיילט אָפּ פראנקרייך פון ענגלאנד. אויף דעם אָרט, וואו זיי האָבן זיך אראָפּגעלאָזן האָבן די פראנצויזן געשטעלט דעם דיינקמאָל און אויסגעקריצט אויף אים די נעמען פון די פליער און דעם טאָג און יאָר, ווען די נסיעה איבערן ים איז געמאכט געוואָרן.

ניט ווייניקער באוואוסט איז אויך די לופטרייזע פון צוויי ענגלענדער גלעשער און קאָקסוועל, וועלכע האָבן געשטעלט זייער לעבן אין סכנה און האָבן זיך אין יאָר 1862 אויפגעהויבן אויף 10 וויאָרסט אינדערהויך!

דאָרטן איז געווען 24 גראד פראָסט, און אונטן אויף דר'ערד זיינען אינדערזועלביקער צייט די ביימער געווען באַדעקט מיט גרינס און ס'האָבן געבליט בלומען.



ווי זשע איז געבויט א לופטבאלאָן?

די דאָזיקע לופטשיף ווערט געמאכט פון זיידנס, וואָס איז אָנגעזאפט מיט לאק, בכדי דורכן שטאָף זאָל ניט דורכניין קיין לופט.

אינם לופטבאלאָן פּאָמפּעט מען אריין דורך א גומע־נער רער דעם וואסערגאז, וועלכער איז ווי געזאָגט אין 14 מאָל גרינגער ווי לופט.

וואָס מער מע פּאָמפּעט אריין דעם גאז אינעווייניק, אלץ מער בלאָזט זיך אָן דער זיידענער זאק, אלץ מער נעמט

ער זיך רייסן אינדערלופטן, און בלויז די שווערע זעק מיט זאמד, וועלכע זיינען צו אים צוגעבונדן, האלטן אים איין ביי דער ערד.

דעם לופטבאלאָן נעמט מען ארום מיט א נעץ פון שפאגאט, און צו דער נעץ בינדט מען צו א קאָרב.

אין איר זעצן זיך אריין די לופטפליער, די זעק ווערן אָפּגעבונדן און די גרויסע לופטשיף הייבט זיך אויף אינדערלופטן.

דער לופטבאלאָן האָט אויבן אן עפענונג, וועלכע איז פארמאַכט מיט א קלאַפּן (א מין דעקל).

ווען די לופטפליער ווילן זיך אראָפּלאָזן, טוען זיי א ציפּארן שטריקל, דער קלאַפּן עפנט זיך אויף און דער גרינגער גאז גייט ארויס אויף אייבן.

אין דער אייגענער צייט גייט אריין אין באלאָן פון אונטן דורך אַ צווייטער עפענונג לופט; דער באלאָן ווערט אלץ שווערער און לאָזט זיך אראָפּ צו דר'ערד.

מע נעמט אויך מיט זיך זעק מיט זאמד; ווען ס'איז נייטיק, ווארפט מען זיי אַראָפּ, דערמיט פארלייכטערט מען די וואָג פון דער קאָרב און מע קען זיך אויפהויבן העכער.

דאָס איז אין קורצן די געשיכטע פון די לופטבאלאָנען. היינטיקע צייטן ווערן זיי שוין באנוצט זייער זעלטן. די

מענטשן האָבן זיך ניט געקענט באנוגענען מיט אָט די לופטבאלאָנען, וועלכע מע מוז אָנפּארטרויען דעם פרייען, אומבאשטענדיקן ווינט, און זיי האָבן אויסגעפּונט לופטשיפן און עראָפּלאנען, וועלכע מע קען שוין קירעווען, אין וואָסער ריכטונג מע וויל.

וועגן די דאָזיקע לופטשיפן און עראָפּלאנען וועל איך אייך דערציילן אין די ווייטערדיקע קאפּיטלען.

II.

דיריזשאבלען.

ווי זאל מען קירעווען דעם לופטבאלאן?—בלאנשארס
וועטלעס.—קאיזעס פייגלען.—דער פרוב אויסצונוצן
די לופטשטראמען.—מעניע און זיין ערפינדונג.—ושי-
פאר און זיין לופטשיף.—דער ערשטער קרבן פון די
דיריזשאבלען.—שווארצס לופטשיף.—אנדרעס נסיעה
צום צפון-פאליוס.—סאנטאס-דיומאן און זיינע אויפ-
טוען.—צעפעלין און זיינע לופטשיפן.—פארסעוואל.
—ווי קירעוועט מען א דיריזשאבל.

א גרויס וואונדער איז געווען פאר דער וועלט די ערפינדונג פון די לופטבאלאָנען, אָבער באנוצען זיך דערמיט האָט מען ניט געקאָנט.

דער לופטבאלאָן פלעגט זיך, אמת, הייבן אינדערלופטן, ער איז אָבער געווען א שפילכל ביים קאפריזן, אומבאשטענדיקן ווינט, וועלכער האָט אים געקענט טראָגן, וואו נאָר ס'האָט זיך אים פארגלוסט.

דעריבער האָבן די געלערנטע שוין נאָך די ערשטע ערפאָלגן פון די לופטבאלאָנען גענומען קלערן, ווי אזוי צו געפינען א מיטל אויסצובויען אזוינע לופטשיפן, וועלכע מ'זאָל קענען קירעווען וואו מע וויל, מיטן ווינט צי קעגן אים, ארויף צי אראָפ, רעכטס צי לינקס.

פריער פאר אנדערע איז דער געדאנק איינגעפאלן דעם פראנצויזישן לופטפליער ב ל א נ ש א ר.

ער האָט באשלאָסן צוצומאכן צו דעם שיפל, וואָס איז צוגעבונדן צום לופטבאלאָן, א פאָר וועסלעס און מיט זייער הילף קירעווען און באוועגן די שיף.

און אין מערץ מאָנאט פון יאָר 1784 האָט ער זיך

טאקע אויפגעהויבן אויף זיין לופטבאלאָן, מיטנעמענדיק שטארקע וועסלעס.

דערביי האָט געטראָפן א שיינע זאך:

דאָס שיפל האָט זיך קוים אָפגעטיילט פון דר'ערד, ווי ס'איז פּלוצלונג צוגעלאָפן מיט האסט א יונגערמאן און איז אריינגעשפּרונגען אינעווייניק.

בלאנשאר האָט אים געוואָלט ארויסשטופן, דער יונגערמאן האָט זיך אָבער ניט געלאָזן און אויפן לופטבאלאָן איז אויסגעבראָכן א געשלעג.

צום גליק האָט נאָך דער עולם באוויזן צו כאפן די שטריק, פאר וועלכע דער לופטבאלאָן איז לכתחילה געווען צוגעבונדן, דעם לופטבאלאָן האָט מען צוריק אראָפּגעצויגן צו דר'ערד און דעם פארעקשנטן יונגנמאן האָט מען ארויסגעשלעפּט פון שיפל מיט געוואלד.

דער דאָזיקער לופטפלי האָט זיך שיר ניט געענדיקט מיט אן אומגליק:

דער לופטבאלאָן איז געווען צופיל אָנגעפילט מיטן וואסערגאז.

בשעת ער איז ארויפגעפלויגן זייער הויך, וואו די לופט איז א סך שיטערער און דריקט מיט א קלענערן כוח, האָט זיך דער באלאָן אלץ מערער אָנגעבלאָזן און דאָס הייטל

האָט שיר ניט געפּלאַצט.

בלאנשאר האָט עס ניט באמערקט, אָבער צום גליק איז אים געוואָרן זייער אימהדיק פון דער מוראדיקער שטילקייט, וועלכע האָט געהערשט אינדערלופטן, האָט ער געעפנט דעם קלאפּן און זיך אראָפּגעלאָזן אויף דר׳ערד.

און די וועסלעס ?

בלאָנשאר האָט גערודערט און געדרייט זיי מיט אלע כוחות.

אָבער אומזיסט:

דעם ווינט האָט עס ווייניק־וואָס געקימערט, און ער האָט פאַרטראָגן די שיף נאָר אין אן אנדער ריכטונג.

בלאנשארן האָט מען אויסגעלאכט מיט זיינע וועסלעס אינאיינעם.

אן אנדער לופטפליער קאַיזער האָט אין יאָר 1800 געמאכט א נייעם, א ביסל לעכערלאכן, אָבער אייגנארטיקן פּרוב:

ער האָט צוגעבונדן צו דער לופטשיף אויסגעלערנטע פייגלען און געוואָלט, זיי זאָלן אים קירעווען די שיף.

האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז, כאָטש די פייגלען זיינען געווען געלערנטע, דאָך איז מיט זיי נאָך שווערער

נעווען אויסצוקומען, ווי מיטן ווינט, און פֿון גאנצן פּרוב איז נאָר ניט ארויס.

* * *

איינער א געלערנטער מיטן נאָמען פּריסאָן איז גע־פאלן אויף אזא שכל:

—אויב מע קען ניט באקעמפן דעם ווינט,—האָט ער געקלערט,—דארף מען זיך אפשר פּרובן צופּאסן צו אים. וואָרום די נסיעות אויף די לופטבאלאָנען האָבן באוויזן, אז אין פארשיידענע לופטשיכטן, ס'הייכט אויף א פארשיי־דענער הויך, בלאָזן די ווינטן אין א פארשיידענער ריכטונג. און דעריבער אויב מ'זאָל וועלן פליען, למשל, פון צפון אויף דרום, דארף מען זיך נאָר דערווייסן, אויף וואָס פאר א הויך דער לופטשטראָם בלאָזט פֿון צפון אויף דרום און זיך אויפ־הויבן אהין מיטן לופטבאלאָן.

ס'האָט זיך אָבער באלד ארויסגעוויזן, אז דער דאָזיקער פלאן איז גאנץ שווער אויסצופירן. ערשטנס איז אוממעג־לאך זיך צו באקאָנען אזוי גוט מיט די פארשיידענע לופט־שטראָמען, מ'זאָל קאָנען זיי אויסנוצן. צווייטנס זיינען די לופטשטראָמען ניט קיין באשטענדיקע און בלאָזן א מאָל אהין א מאָל אהער.

אויסערדעם קען מען דאָך ניט אויפהויבן און אראָפלאָזן דעם לופטבאלאָן, וויפיל מאָל מע וויל. ביי

יעדן מאָל, ווען מ׳דאַרף זיך אַרויפהויבן, מוז מען דאָך אַראָפּ־וואַרפן אַ ביסל משא, כדי גרינגער צו מאַכן דעם לופטבאַ־לאָן, און מיטנעמען משא קען מען דאָך נאָך גאַנץ ווייניק. דאָסזעלביקע איז אויך מיטן אַראָפּלאָזן זיך, בשעת מ׳דאַרף עפענען דעם קלאַפּן און אַרויסלאָזן אַ ביסל גאַז. ווען ס׳זאָל, אַזוי אַרום, אויסקומען עטלעכע מאָל זיך אויפהייבן און אַראָפּלאָזן, איידער מ׳וועט געפינען דעם נויטיקן לופטשטראָם, וועט דער לופטבאַלאָן בלייבן אָן משא און אָן גאַז און וועט ממילא ווייטער ניט קענען פליען.

* *
*

אינדערזעלביקער צייט האָט געלעבט אין פראַנקרייך אַ גרויסער געלערנטער מעניע, אַ מענטש מיט אַ קלאָרן שכל און ערפינדערישן פאַרשטאַנד.

ער האָט אַ סך נאָכגעקוקט און אויסגערעכנט, און סוף־כל־סוף אַריינגעטראָגן אין דעם בוי פון אַ לופטשיף אַ סך וויכטיקע נייעס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָל פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער לופט־פליעריי און זיינען געבליבן עד־היום די הויפּט־יסודות פון אַלע אַרבעטן אין דעם פרט.

פריער פון אַלץ האָט ער געבויט זיין באַלאָן ניט קיי־לאַכדיק, נאָר לאַנגלאַך, ענלאַך צו אַן איי.

ער האָט עס געמאַכט צוליב דעם, כדי דער קעגנ־

דרוק פון דער לופט, בשעתן פליען, זאָל זיין שוואכער.

ווי־אַזוי זאָל מען אָבער די לופטשיף באַוועגן און קירעווען?

מעניע האָט צו דעם צוועק באַשלאָסן צו באַנוצן זיך מיט א שרויף, וועלכער זאָל האָבן גרויסע פליגלען און זיך דרייען, ווי די פליגלען פון א ווינטמיל. (זע אויף דעם געמעל: דער ערשטער שיף-פראיעקט).

אין א ווינטמיל שטופט דער ווינט די פליגלען פון דער מיל און דרייט זיי. ווען מ'זאָל אָבער אַליין דרייען די פליגלען, וועט זיך אויסקומען א פאַרקערטע ערשיינונג: ניט דער ווינט וועט שטופן די פליגלען, נאָר די פליגלען אליין וועלן זיך אָפּשטויסן פון ווינט. ווען מ'זאָל אַזוי אַרום צופּאַסן אַזא שרויף צו א לופטבאַלאָן און גיך דרייען אים, וועלן זיינע פליגלען פּאַטשן אינדערלופטן, זיך אָפּשטויסן פון די לופטשיכטן און טרייבן די שיף פאָראויס.

ווי־אַזוי זאָל מען אָבער דרייען דעמדאָזיקן גרויסן שרויף?

קיין מאַשינען זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען, דעריבער האָט מעניע באַשלאָסן צו דרייען אים, פשוט מיט די הענט.

מעניע האָט אַפילו געקלערט אויסצובויען אַזא מין ריזיקע לופטשיף און זיך לאָזן אויף איר אין א רייזע אַרום

דער וועלט.

ער איז אָבער געפאלן אין מלחמה אין יאָר 1793, און זיינע גרויסע פלענער זיינען איבערגעהאקט געוואָרן אינמיטן.

* * *

נאָך מעניעס טויט האָבן ווידער אייניקע געלערנטע געפרובט פארבעסערן מעניעס ערפינדונגען.

דערהויפט האָט מען זיך גענומען דערצו נאָכדעם, ווי די גרויסע שרויפן מיט די פליגלען זיינען מיט גרויס ערפאָלג אויסגענוצט געוואָרן צום באוועגן שיפן איבערן וואסער, און ס'איז ערפונדן געוואָרן די דאמף־מאשין, וועלכע האָט די פליגלען געדרייט.

פון די אלע פרובן איז אָבער גאָרניט ארויס, מחמת די דאמף־מאשין איז ערשטנס אליין געווען צו שווער אין וואָג, מ'זאָל זי קענען מיטנעמען אינדערלופטן, און צווייטנס, וואָלט מען דאָך געמוזט מיטנעמען אויך גרויסע זאפאסן וואסער און ברענמאַטעריאלן פאר דער מאשין, וועלכע וועגן אויך א היבש ביסל.

* * *

אָבער ניט געקוקט אויף די פיל ניטגעלונגענע פרובן, האָבן די געלערנטע ניט אויפגעהערט צו זוכן מיטלען, ווי אזוי מיטצונעמען מיט זיך א מאשין, וועלכע זאָל קענען

דרייען דעם שרויף פון דער לופטשיף.

און מערער פאַר אַלע אנדערע האָט אויפגעטאָן אין דעם הינזיכט דער געניטער און פעאיקער פראנצויזישער אינזשעניער אנרי זשיפאר.

נאָך זייענדיק א גימנאזיסט, האָט ער זיך זייער אינטערעסירט מיט די לופטבאלאָנען.

געענדיקט גימנאזיע, איז ער אָנגעקומען פאר א פשוטן ארבעטער אין א פאבריק פון אייזנבאן־מאטעריאַלן אין פאריז. א דאנק זיינע גרויסע פעאיקייטן איז ער אינגיכן געוואָרן א מאשיניסט ביי א לאָקאָמאָטיוו.

אינדערזעלביקער צייט האָט ער מיט גרויס חשק געלערנט פארשיידענע מאטעמאטישע לימודים און איז ענדלאך געקומען צום געדאנק אויסצובויען אזא מין דאמף־מאשין, וועלכע מ'זאָל קענען מיטנעמען אויף א לופטשיף.

פריער פאר אלץ האָט ער געקראָגן די נייטיקע כוחע געלט און האָט אויסגעבויט א גרויסע לופטשיף.

זי האָט געהאט דעם אויסזען פון א סיגאר, פארשפיצט פון ביידע זייטן, 20 קלאַפטער די לענג.

צו דעם שיפל האָט ער צוגעפעסטיקט א גרויסן שרויף מיט צוויי לאנגע פליגלען.

דעמדאָזיקן שרויף האָט זשיפאר א נאָמען געגעבן

פראָפּעלער, וואָס אין יידיש הייסט עס „שטופּער״.

דערדאָזיקער נאָמען האָט זיך אָנגענומען, און ווערט באַנוצט עד־היום.

דאַמאָלסט האָט זשיפאַר אויסגעבויט א דאמף־מאשין, וואָס האָט געוואוינן בלויז 2 פּוד מיט 28 פונט, און איז געווען ביכולת צו דרייען דעם פּראָפּעלער מיט א כוח פון דריי פערד 110 מאל אין א מינוט.

דערביי איז די מאשין געווען אזוי געמאכט, אז דער רויך פלעגט ארויסגיין דורך א קוימען פון אונטן און קיין שום פונק האָט אויף אזא אופן ניט געקענט פארפליען אויפן הייטל פון דער שיף.

אנשטאָט א רודער האָט ער צוגעפּעסטיקט א דריי־



זשיפארס לופטשיף.

קאנטיקן זעגל, וועלכן מ׳האָט געקענט קירעווען אין אלע זייטן.

דער ערשטער פרוב אין יאָר 1852 האָט דערוויזן, אז זשיפאר האָט זיך ניט גענארט אין זיינע אויסרעכענונגען.

די שיף האָט זיך באוועגט מיט דער גיכקייט פון 10 וויאָרסט א שעה.

די דאמף-מאשין איז אָבער נאָך געווען צו שוואך, כדי צו קעמפן מיטן שטארקן ווינט, וועלכער מאכט, ווי באקאנט, אין דורכשניט 35 וויאָרסט א שעה.

דאמאָלסט האָט זשיפאר אויסגעבויט נאָך א גרעסערע שיף מיט א שטארקערער מאשין, און אין יאָר 1815 האָט ער ווידער זיך אויפגעהויבן אינדערלופטן.

דאָס מאָל האָט אים אָבער ניט אָפגעגליקט.

לכתחילה איז אפילו אליץ געגאנגען כשורה, און די לופטשיף האָט אויסגעהאלטן דעם ערשטן צוזאמענשטויס מיטן ווינט.

די פליער האָבן אָבער פלוצלונג באמערקט, אז די נעץ, אויף וועלכער ס׳איז געהאנגען דאָס שיפל, האָט אָנגעהויבן אראָפּצוגליטשן זיך פון דעם באלאָן.

כדי אויסצומיידן אן אומגליק, האָבן זיי גלייך געעפנט דעם קלאפּן און זיך גענומען אראָפּלאָזן.

ווי נאָר דאָס שיפל האָט דערגרייכט די ערד, זיינען די לופטפליער פון אים ארויסגעשפרונגען.

אינדערזועלביקער רגע איז די נעץ אראָפגעפאלן פון באלאָן, דער באלאָן האָט זיך אויפגעהויבן און איז פאר־שוואונדן אין די וואָלקנס.

דאָס איז געווען די ערשטע שיף, וועלכע האָט שוין מיט רעכט געקענט טראָגן דעם נאָמען „דיריזשאבל"—דאָס הייסט: א שיף, וועלכע לאָזט זיך קירעווען.

זשיפאר איז ניט אראָפגעפאלן ביי זיך און ענערגיש גענומען זיך קלייבן געלט, כדי צו פארווירקלאכן זיינע גרויסע פלענער.

אָבער אין רעכטן ברען פון דער ארבעט האָט אים געטראָפן א שרעקלאכער אומגליק:

ס'האָט זיך אים געמאכט עפעס א קראנקהייט און ער איז בלינד געוואָרן אויףביידע אויגן.

שווער צו באשרייבן די ליידן פון דעם אומדערמידלאכן, ענערגישן מענטשן.

ער האָט זיך געמוזט אויף אייביק אָפזאָגן פון זיין זאך, וועלכע איז שוין אזוי נאָענט געווען צו דער פאר־ווירקלאכונג.

זשיפאר האָט ניט געקענט אריבערטראָגן דעם

הארצווייטאָק און האָט זיך אין יאָר 1882 גענומען דאָס לעבן.

* *
*

זשיפאר איז געשטאָרבן, אָבער זיין אידעע איז לעבן געבליבן.

און פיל געלערנטע האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרובט צוצופּאַסן אַפּריער די דאַמף־מאַשין, נאכהער אן עלעקטרישע מאשין, כדי צו דרייען דעם פּראָפּעלער און באַוועגן די שיף.

די אלע מאשינען זיינען אָבער אַלץ געווען צו שווער אין וואָג און צו שוואַך אין כּוח, און דער נוצן זייערער איז געווען גאַנץ קליין.

* *
*

צו יענער צייט איז די וועלט באַרייכערט געוואָרן מיט א נייער ערפינדונג, וועלכע האָט גלייך געגעבן א שטופּ פאָראויס דער אנטוויקלונג פון די לופטשיפן.

דאָס איז געווען די ערפינדונג פון אזוינע מאשינען, אין וועלכע דער דאַמף פונם וואסער ווערט פארביטן מיטן גאז, וואָס באקומט זיך פון קעראָסין אָדער בענזין, בשעת מע קאָכט זיי אויף.

אזוינע מאשינען, אָדער מאָטאָרן, ווי מע רופט זיי,

מען א סך ווייניקער, ווי דאמף־מאשינען, און אנטוויקלען א גרעסערן כוח.



דאָס איז דער בילד פון אַ מאָטאָר, וועלכער דרייט דעם פּראָפּעלער אויפן עראָפּלאַן, ווי ס'איז צו זען פון בילד, איז ער צוזאמענגעשטעלט פון זיבן באזונדערע מאשינקעס, אָבער אַלע אַרבעטן צוזאמען און דרייען בשותּפות די אַקס, צו וועלכער ס'איז צוגעפּעסטיקט דער פּראָפּעלער, די־ריבער שטייען זיי אַלע אין אַ האַלבן קרייז און קומען זיך צוזאמען ביי דער אַקס.

א דאנק דער נייער ערפינדונג, זיינען גלייך אויסגע־בויט געוואָרן די גרינגע און גיכע אווטאָמאָבילן.

צו דידאָזיקע מאָטאָרן האָבן זיך גלייך געווענדעט אויך די לופטפליער.

* * *

דעם ערשטן פּרוב מיט די נייע מאשינען האָט גע־מאַכט א דייטשער געלערנטער וועלפערט.

ער איז אָבער צוגלייך אויך געווען דער ערשטער קרבן

פון זיי.

אויף דער הויך פון באלד א וויאָרסט פון דער ערד איז א פונק פארפלויגן אויפן הייטל פון דער שיף.

ארומגעכאפט מיט פלאמען, איז דער דיריזשאבל אראָפגעפאלן אויף דר'ערד, און ביידע לופטפליער וועל-פערט און זיין פריינד קנאבע זיינען געהרגעט געוואָרן אויף טויט.

געשען איז דער אומגליק צוליב א קלייגער אומפאָר-זיכטיקייט מצד דעם געלערנטן:

ער האָט זיין שיפל אויפגעהאנגען צו נאָענט צום באַ-לאָן, אזוי אז די פונקען פון מאָטאָר האָבן געשפריצט גלייך אויפן הייטל און ענדלאך טאקע פארשאפט די קאטאסטראָפע.

* *
*

וועלפערטס טראגישער טויט האָט אָבער ווייניק-וועמען אָפגעשראָקן, און שוין אין א האלב יאָר ארום האָט דער עסטרייכישער ייד שווארץ גענומען בויען א ני'עם דירי-זשאבל מיט א בענזין-מאָטאָר.

ער האָט גענומען אין אכט וועלפערטס קאטאסטראָפע און, כדי אויסצומיידן זיין גורל, האָט ער די הייטל פון זיין דיריזשאבל געמאכט ניט פון שטאָף, נאָר פון אלומיניום.

אלומיניום איז אזא מין ווייסער מעטאל פון זילבער-

קאָליר, וועלכער גייט זייער לייכט אויפן וואָג, אָבער דערביי איז ער זייער שטארק.



שווארצס לופטשיף.

נאָר שווארצן איז ניט באשערט געווען צו געניסן פון זיין ערפינדונג:

נאָך איידער דער דיריזשאבל איז פארטיק געוואָרן איז ער פלוצלונג געשטאָרבן.

זיין דיריזשאבל האָט אָפגעקויפט דאָס פרייסישע קריגס־מיניסטעריום.

מ׳האָט אים פארענדיקט, אָנשטאָט איין שרויף האָט מען געשטעלט גאנצע דריי און מ׳האָט אים אויסגעפרובט אויפן זעלביקן פלאץ, וואו וועלפערט האָט געפונען זיין טויט.

לכתחילה האָט דער דיריזשאבל געבראַכט אין גרויס אנטציקונג דעם עולם צוזעער מיט זיין שיינעם לייכטן שווי-מען אינדערלופטן.

פלוצלונג איז אָבער אויף אים עפּעס א קליין שרייפּל קאליע געוואָרן, דער מעכאניקער האָט זיך דערשראָקן, צו האסטיק געעפנט דעם קלאפּן, דער דיריזשאבל האָט זיך מיט גרויס האסט אראָפּגעלאָזן און איז צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקער פון דעם קלאפּ אָן דר׳ערד.

דער מעכאניקער איז צום גליק געבליבן לעבן און איז אָפּגעקומען בלויז מיט שטארקע שרעק.

* * *

אין דעמזועלביקן יאָר האָט אויך איינער א מוטיקער קאפּיטאן, מיטן נאָמען א נ ד ר ע, זיך אוועקגעלאָזן מיט צוויי באגלייטער צום צפונדיקן פּאָליוס אויף א גרויסער לופט-שיף, באזאָרגט מיט זעגלען.

פון דער דרייסטער אונטערנעמונג איז אָבער גאָרניט ארויס. אנדרע מיט זיינע באגלייטער זיינען פארפאלן געוואָרן און מ׳האָט א צייט לאנג גאָרניט געהערט וועגן זיי.

בלויז אין א צייט ארום האָבן עסקימאָסן, וועלכע וואוינען אין צפונדיקן טייל פון קאנאדע (אין אמעריקע), דערציילט איינעם א רייזנדער, אז מיט עטלאכע יאָר צוריק האָט זיך צו זיי אראָפּגעלאָזן פון הימל א גרויס הויז מיט

צוויי ווייסע מענטשן, האלב־פארחלשטע פון הונגער.

אנדרעס לופטשיף.

פון דער וויטערדיקער אויספארשונג איז מען דער־גאנגען, אז די עסקימאסן האבן דערהרגעט די מוטיקע לופטפליער דערפאר, וואס זיי האבן דערשאסן א פרעמדן הירש.

* * *

אויך אין פראנקרייך זיינען צו יענער צייט דערגרייכט

געוואָרן גרויסע ערפאָלגן אין דער לופטפליעריי, א דאנק די פּילצאָליקע פּרובן פון דעם פליער סאנטאָס־דיומאָן.

סאנטאָס־דיומאָן איז געווען א גרויסער גביר; ער האָט געהאט געלט איבערגענוג און האָט דעריבער געבויט זיינע דיריזשאבלען איינעם נאָכן אנדערן, ביז ער האָט דערגרייכט גרויסע ערפאָלגן.

דעם ערשטן דיריזשאבל האָט ער אויסגעבויט אין יאָר 1898 און גלייך געפּרובט פליען אויף אים אינדערלופטן.

אָבער פון ערשטן פּרוב האָט ער געהאט גרויסע בזיונות.

ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן אויף 200 קלאפטער, ווי זיין דיריזשאבל האָט זיך פּלוצלונג איבערגעבויגן, איז איבערגעבראָכן געוואָרן אויף העלפט און אראָפּגעפאלן צו־זאמען מיטן פליער.

דער גרויסער עולם האָט זיך א וואָרף געטאָן צו סאנטאָס־דיומאָנען און געפונען אים גאנץ און געזונט אונטער די חורבות פון זיין שיף.

ער איז ניט געפאלן ביי זיך און זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט.

אָבער אויך מיט דער צווייטער שיף האָט ער זיך פארטשעפּעט אָן א וואלד און געבליבן זיצן, רייטנדיק אויף א בוים, און מיט דער דריטער איז ער גאָר אריינגעפאלן און אָפּגעטונקט זיך אין טייכל, וואָס פליסט אין גרויסן

גאָרטן פֿונם באוואוסטן גביר ראָטשילד.

סאנטאָס־דיומאָן איז אָבער אויך די בײדע מאָל ארויס מיט גאנצע ביינער.

דעמזעלבן ערפאָלג האָט אויך געהאט זיין פערטער דיריזשאבל.

פון די ניט געלונגענע פרובן איז דיומאָן אָבער ווייניק וואָס אראָפּגעפאלן ביי זיך און, אלס ענטפער אויף דעם חוזק פֿון א סך פון זיינע פֿריינד, האָט ער אויסגעבויט א נייעם דיריזשאבל: „סאנטאָס דיומאָן נומער 5".

גראָד דאמאָלסט האָבן צוויי רייכע פראנצויזישע נאפט־פאבריקאנטן מודיע געווען, אז זיי גיבן א פּרעמיע פֿון 100 טויזנט פראנק יענעם לופטפליער, וועלכער וועט אויף זיין דיריזשאבל מאכן אין 3 מינוט א לופטרייזע ארום דעם הויכן אייפל־טורים אין פאריז און וועט זיך אומקערן צוריק אויפן אָרט, פונוואנען ער האָט זיך אויפגעהויבן.

דאָס געלט איז דיומאָנען ניט וויכטיק געווען, ער האָט אָבער געוואָלט אויספירן זיינס און דערוויזן דער וועלט, וואָס ער קען.

כדי פּארטיק צו מאכן זיין שיף וואָס גיכער, האָט ער אפילו אָנשטאָט א שיפל צוגעטשעפעט א זאָטל און זיצנדיק אויף אים האָט ער אָנגעפירט מיטן מאָטאָר

צו דער באשטימטער צייט איז ער געווען דער איינצי־

קער, וואָס האָט זיך באשלאָסן אויף אזא געפערלאכן פרוב.

אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך דעם אומדערמידלאכן פליער דער פרוב ניט איינגעגעבן.

ער האָט שוין געהאט ארומגעדרייט זיך ארום דעם טורים, נאָר פלוצלונג האָט זיך דער מאָטאָר אָפּגעשטעלט. דער דיריזשאבל האָט זיך געזעצט אויפן גרויכן דאך פון א פינף־גאָרנדיקן מויער און סאנטאָס־דיומאָן איז בלויז על־



דיומאָנס דיריזשאבל בײם שפּיץ פון אײפל־טורים.

פי־נם ניצל געוואָרן פון טויט.

דער פאַרעקשנטער, מוטיקער פליער איז דאַמאָלסט אריין אין אמביציע, און ס'האָט ניט געדויערט קיין דריי וואָכן ווי ס'איז שוין געווען פאַרטיק א זעקסטער דיריזשאַבל. וועלכער האָט אריבערגעשטויגן אלע פריערדיקע מיט זיין גרויס און שטאַרקייט.

דאָסמאָל האָט דיומאָן געהאַט א גלענצנדיקן ערפאָלג: ער האָט זיך אויפגעהויבן איבער פאַריז, האָט זיך ארומ־געדרייט ארום דעם אייפל־טורים, געמאַכט א גרויסן קרייז און זיך אראָפּגעלאָזן צום ־ ערד, פונוואַנען ער האָט זיך אויפגעהויבן.

הגם ער האָט פאַרזאַמט אויף 30 סעקונדעס, האָט מען אים דאָך די פרעמיע ארויסגעגעבן. א העלפט געלט האָט ער צעטיילט פאַר וואוילטעטיקע אנשטאַלטן, און די צווייטע העלפט געגעבן א מתנה זיין מעכאַניקער.

זינט יענער צייט האָט דיומאָן אויסגעבויט נייע 14 דיריזשאַבלען, און ס'פלעגט ניט אריבערגיין א וואָך, ער זאָל זיך ערגיץ ניט אויפהויבן צום הימל.

קיין שום געפאַרן האָבן אים ניט אָפּגעשראָקן.

איינמאָל איז ער מיטן דיריזשאַבל אריינגעפאַלן אין ים און שיר ניט געפונען זיין קבר אונטער די וואַסערן, אָבער אין א פּאָר וואָכן ארום, אין יאָר 1903, איז ער ווידער־

געפלויגן איבער פאריז, הין און צוריק אין אלערליי ריכ־טונגען.

די גרעסטע הנאה זיינע איז געווען דרייען זיך אינדער־הויך און „צייכענען אן 8" אינדערלופטן, הויך, הויך איבער די קעפ פון די פארוואונדערטע און אנטציקטע פאריזער.

פלעגט ער דארפן ערגיץ פארן, האט ער זיך געזעצט אויף זיין שיף און געפארן, ווי אויף אן אוטאמאביל.

ס'איז דערגאנגען דערצו, אז אפילו צו מיטאג אין רעסטאראן פלעגט ער קומען צו פ ל י ע ן.

* * *

דיומאן איז געווען א דרייסטער און מוטיקער מענטש און האט זיך קיינמאל ניט פארקלערט צו שטעלן זיין לעבן אין סכנה, כדי צו דערגרייכן נייע ערפאלגן.

אבער קיין געלערנטער איז ער ניט געווען און קיין שום נייע וויכטיקע אויסגעפינונגען האט ער ניט צוגעקלערט.

א סך א גרעסערע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער לופטפליערייַ האבן געהאט די ארבעטן פון דעם דייטשישן גענעראל און אינזשיניער צ ע פ ע ל י ן, וועלכער איז געשטארבן ניט לאנג אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה.

דעם ערשטן דיריזשאבל זיינעם האט צעפעלין געבויט

גאנצע פיר יאָר.

דער דיריזשאבל איז געווען אזוי גרויס, ווי נאָך קיין לופטשיף ביז אים; די לענג זיינע האָט געהאלטן גאנצע 64 קלאפטער און די דיק—פינף קלאפטער!

זיין הייטל האָט מען געמאכט פֿון אלומיניום און צע־טיילט איר מיט שטארקע ווענטלאך אויף 17 אָפּטיילונגען, אין יעדער אָפּטיילונג איז געלעגן א געוויינלאכער לופטבא־לאָן, אָנגעפֿילט מיט וואסערגאז.

דאָס האָט צעפּעלין געמאכט, צוליב דעם, טאָמער פּלאצט איין באלאָן, זאָל עס האָבן א קליינע ווירקונג אויפן דיריזשאבל.

כדי צוצוגעבן זיין שיף א גרעסערע גיכקייט, האָט צע־פּעלין צוגעטשעפּעט צו איר צוויי שיפלאך, אויך פון אלו־מיניום, איינע פון פאָרנט, די צווייטע פון הינטן און אין יעדער שיפל זיינען געשטאנען צוויי בענזין־מאָטאָרן, יעדער מאָטאָר האָט געארבעט מיט 16 פערד־קראַפט*).

די מאָטאָרן האָבן געדרייט פיר גרויסע פּראָפּעלערס.

מע זאָל זיך קענען צונויפֿריידן, זיינען פון איין שיפל צו דער צווייטער געווען איינגעאָרדנט עלעקטרישע גלעקלאך און א טעלעגראף**).

*) ס׳הייסט: מיט דעמזעלבן כוח, ווי 16 פערד.

**) אזא אפאראט, וואָס מען שיקט דורך אים טעלעגראמען.

אין יעדער שיפל זיינען געזעסן עטלאכע מענטשן.

כדי צו באהאלטן אזא גרויסן בנין, האָט מען פאַר דער שיף אויסגעבויט א ספּעציעלן, שווימענדיקן שייער אויף דער באָדענער אָזערע (אויפן גרעניץ צווישן דייטשלאנד און שווייץ).

* * *

און אָט האָט ענדלאך צעפּעלין געמאכט זיין ערשטן פּרוב.

טויזנטער מענטשן זיינען זיך צונויפגעפאָרן צו דער שטעטל פרידריכסהאפן, ביי דער באָדענער אָזערע, וואו צע-פּעלין האָט געזאָלט פליען.

דער קלאנג וועגן צעפּעלינס גוואלטיקער שיף האָט זיך גיך פונאנדערגעטראָגן איבער דער וועלט און אלע האָבן דערווארט אויסערגעוויינלאכע נסים.

דעריבער האָט צעפּעלינס ערשטער פּרוב אנטוישט דעם נייגעריקן עולם, וועלכער זעט נאָר די ערפאָלגן און קלערט ניט וועגן די גרויסע שוועריקייטן, וואָס באגלייטן דעם קלענסטן ערפאָלג.

הגם צעפּעלינען האָט זיך איינגעגעבן צו פליען גיכער ווי אויף אלע פריערדיקע דיריזשאבלען און מאכן 9 מעטער א סעקונדע (33 וויאָרסט א שעה),—דאָך האָט זיך ארויס-געוויזן, אז די שיף איז צו גרויס און די מאָטאָרן צו שוואך,

און דעריבער איז איר שווער געווען צו קעמפן מיטן ווינט.

דערצו איז נאָך ביים דריטן מאָל פליען דער דיריזשאבל אזוי שטארק געשעדיקט געוואָרן, אז צעפעלין האָט זיך געמוזט נעמען צום בויען א נייעם.



צעפעלין איבער דער באָדענער אָזערע.

געלט האָט ער שוין אָבער דאמאָלסט געהאט וויניק, קריגן זיי איז געווען זייער שווער, און די הוצאות אויפן בויען זיינען געווען אזוינע גוואלטיקע, אז אפילו די שטיצע פון דער רעגירונג, וועלכע ער האָט באקומען אין 1903-טן יאָר, האָט אים קוים געקלעקט אויף צום דעקן א טייל פון זיי.

דעריבער האָט זיך די ארבעט פארצויגן און די נייע שיף איז פארטיק געוואָרן בלויז אין 1906-טן יאָר.

די צייטונגען און דער עולם האָבן געמאכט גרויס חוזק פון דער נייער „פארזעעניש", נאָר צעפעלין איז ניט נתפעל געוואָרן און אין יאנואר 1906 האָט ער זיך דעם ערשטן מאָל נאָך א לאנגער פינף-יאָריקער הפסקה ווידער

אויפגעהויבן אויף זיין נייער שיף.

אָבער שוין ביים צווייטן פּרוּב האָט דער שטאַרקער שטורימווינט אַראָפּגעוואָרפן די שיף אויף די ביימער, וואָס וואַקסן אויפן ברעג פון דער אָזערע, און די שיף, אויף וועלכער ס׳איז אוועקגעלייגט געוואָרן אַזויפיל מי, איז צע־שמעטערט געוואָרן אויף שטיקלאַך.

ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער סוף פון דער צווייטער שיף האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער גאַנצער זאַך.

און באמת, צעפּעלין איז געווען זייער געפאַלן ביי זיך פונם אומגליק און האָט זיך שוין מיאש געווען פון אויפבויען ווען עס איז אַ נייעם דיריזשאַבל.

אָבער זיין טעטיקע נאַטור האָט ניט געקענט לאַנג בלייבן אָפּהענטיק, דער יאוש איז באַלד פאַרשוואונדן, און מיט אַ טאָפּעלער ענערגיע האָט זיך צעפּעלין ווידער אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

מיט גוואַלטיקער מאַטערניש האָט ער גראָשנווייז אויפ־געקליבן די נייטיקע סומע געלט, האָט פאַרמשפּגט און פ ר־זעצט, וואָס ער האָט געהאַט, און סוף־יאָר איז געוואָרן פאַר־טיק דער דיריזשאַבל „צעפּעלין דער דריטער", באַזאָרגט מיט נאָך שטאַרקערע מאָטאָרן און מיט ספּעציעלע האָרי־זאָנטאַלע פלאַכעס, וועלכע האָבן אים געזאָלט צוגעבן מער גלייכגעוויכט אינדערלופטן.

אויף דעם דיריזשאבל זיינען שוין אויך די שיפלאך געווען פאראייניקט מיט א געדעקטן דורכגאנג.

דאָסמאָל איז צעפּעלינס ארבעט געקרוינט געוואָרן מיט א גלענצנדן ערפאָלג און זיין נאָמען איז באַרימט גע־וואָרן אין דער גאנצער וועלט.

פון די פיל געלונגענע פּרובן, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרן אויפן „צעפּעלין № 3", איז דער גלענצנדסטער גע־ווען די 3־שעהדיקע לופטרייזע איבער דער שווייץ, וועלכע איז געווען אן עכטע טריאומף־רייזע איבער דעם לופט־אָקעאַן.

דער ערפאָלג האָט צוגעגעבן צעפּעלינען מער מוט, און ער איז גלייך צוגעטראָטן צום בויען א נייעם, נאָך א גרעסערן און שטארקערן דיריזשאבל מיט פיל אויסבעסערונגען.

דערדאָזיקער „צעפּעלין № 4" האָט געהאלטן 68 קלאפטער די לענג און איז געווען פארזען מיט צוויי שטארקע מאָטאָרן, יעדערער פון 110 פערדקראפט!

דידאָזיקע נייע גיגאנטישע שיף האָט פארשאפט צע־פּעלינען גרוים נחת־רוח.

אין אווגוסט 1908 האָט ער געמאכט אויף דעם דירי־זשאבל א גרויסע לופטרייזע איבער דייטשלאנד. אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצופליען פאר אמאָל גאנצע 360 וויאָרסט!

דידאָזיקע לופטרייזע האָט ארויסגערופן א גרוים בא־

גייסטערונג אין גאנץ דייטשלאנד, און דער רייכס־טאג (דער פארלאמענט) האָט באשלאָסן ארויסצוגעבן דעם מוטיקן פּליער 2 מילאָן מארק, אויב ס'וועט זיך אים איינגעבן האלטן זיך אינדערלופטן 24 שעה און זיך אראָפּלאָזן אויף דער יבשה.

צעפּעלין האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

ער האָט אויסגעבעסערט זיין דיריזשאבל, צוגעבויט צו די שיפלאך לופט־קישעלאך, כדי זיך אראָפּצולאָזן אויף דר'ערד, און אָנגעהויבן זיינע איבונגען.

ביסלאכווייז האָט זיך אים אלץ מערער און מערער איינגעגעבן זיך לענגער צו האלטן אינדערלופטן און אין סוף פון יאָר 1908 איז אים שוין געלונגען זיך האלטן אינדערהויך 20 שעה.

די גאנצע וועלט האָט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוגעקוקט צו צעפּעלינס פּרובן, און דעריבער האָט אלעמען געטראָפן, ווי א דונער, די ידיעה וועגן דעם אומגעריכטן אומגליק מיטן „צעפּעלין".

די מעשה איז געווען אזוי: אין איינער א לופטרייזע איז עפּעס קאליע געוואָרן אין מאָטאָר, און כדי צו פארריכטן אים, האָט מען זיך געמוזט אראָפּלאָזן ביי דעם שטעטל עכטערדינגען.

צעפּעלין איז אריין אין א רעסטאָראן צוביסן, און

זייגע צוויי מעכאניקער האָבן דערוויל פאררוכט דעם מאָטאָר.

מיטאמאָל האָט זיך אויפגעהויבן א שטארקער שטו־רימווינט. ער האָט אראָפּגעריסן דעם דיריזשאבל פון אנקער און אויפגעהויבן אים צוזאמען מיט ביידע מעכאניקער. איינער האָט געפּרובט אוועקלאָזן דעם מאָטאָר, אָבער פּלוצ־לונג האָט זיך דערהערט א גוואלטיקער אויפרייס, דער גאז האָט זיך אָנגעצונדן און אין א פּאָר מינוט ארום זיינען שוין פון דעם לופט־ריז געבליבן בלויז אָפּגעברענטע שטיקער.

איין מעכאניקער איז דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, דער צווייטער איז שווער פארוואונדעט געוואָרן.

ווי ס'ווייזט אויס, האָט זיך דער גאז אָנגעכאפּט פון א בליץ.

די ידיעה וועגן דעם אומגליק האָט געמאכט אין גאנץ דייטשלאנד א גוואלטיקן רושם, אָבער אין דערזעלביקער צייט האָט זי ארויסגערופן גרויס אנטציקונג צום ענערגישן לופטפּליער און א שטארקע גרייטקייט קומען אים צו הילף.

שוין דעם ערשטן טאָג האָט צעפּעלין באקומען פון טויזנטער מענטשן א מיליאָן מארק און אין א קורצער צייט ארום איז שוין די סומע פארגרעסערט געוואָרן ביז 8 מיליאָן.

אזוי האָט דאָס דייטשישע פאָלק באדאנקט איר גרויסן לופטפּליער אין אן עת־צרה און געגעבן אים מוט צו נייע גרויסע אויפטוען.

* *
*

א דערמוטיקטער, האָט זיך דער ענערגישער גראף ווידער א נעם געטאָן צו דער ארבעט.

פריער פאר אלץ האָט ער פארריכט דעם „צעפעלין № 3“, דעם איינציקן פון זיינע אלע פיר דירי־זשאבלען וואָס איז נאָך געבליבן גאנץ.

ער האָט אים א נאָמען געגעבן „צעפעלין № 1“ און פארקויפט אים דער דייטשישער רעגירונג.

דאמאָלסט איז ער צוגעטראָטן צום בויען גאנצע 8 די־ריזשאבלען מיטאמאָל.

אין מאי 1909 איז פארטיק געוואָרן דער „צעפעלין № 2“, אויף וועלכן דער גראף האָט געפרובט מאכן א גרע־סערע לופטרייזע.

דערדאָזיקער פרוב איז געקרוינט געוואָרן מיט א גלענצנדן ערפאָלג.

צעפעלין איז אין משך פון 37 שעה גליקלאך דורכגע־פלויגן 1600 וויאָרסט און זיך אומגעקערט צוריק אין פריד־ריכסהאפן, פונוואנען ער האָט אָנגעהויבן זיין נסיעה.

אינמיטן וועג איז ביי אים אויסגעגאנגען דער בענזין.

האָט ער זיך אראָפגעלאָזן אויף דר'ערד ביי א שטעטל, און זיך באזאָרגט דאָרטן מיט פרישן בענזין.

אין משך פון דער גאנצער רייזע איז קיין זאך אויף דער שיף ניט געשעדיקט געוואָרן, די מאשינען האָבן גע־ארבעט אויסגעצייכנט, די רודערס האָבן געהאָרכזאם געקירע־וועט די שיף רעכטס און לינקס, ארויף און אראָפּ.

* * *

נאָך מער ערפאָלג האָט געהאט צעפעלינס לופטרייזע אויף זיין דריטן דיריזשאבל, אויף וועלכן ער איז אין סעפּ־טעמבער 1909 דורכגעפלויגן פון דער קאָנסטאנצער אָזערע קיין בערלין, דער הויפטשטאָט פון דייטשלאנד.

אן עולם פון העכער צוויי מיליאָן מענטשן האָט אנגע־פילט אין דעם טאָג די גאסן פון דער שטאָט. יעדערער האָט אוועקגעוואָרפן זיינע געשעפטן, די גאנצע באוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויף די באלקאָנען און אפילו אויף די דעכער פון די הייזער איז געווען געפאקט פון נייגעריקע.

אָט דער גאנצער גוואלטיקער עולם איז געשטאנען, די קעפּ הויך פארריסן צום הימל, און האָט מיט אומענדלאכע באגייסטערטע געשרייען און אויסרופן באגריסט די רייזיקע לופטשיף, וועלכע האָט רואיק און זיכער געשוועבט איבער אלעמענס קעפּ.

פון יענער צייט ביז צום אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט צעפעלין, וועלכער איז שוין געווען א בן־שבעים, ניט אויפגעהערט כסדר צו פארגרעסערן און פאר־

בעסערן זיינע דיריזשאבלען.

ער האָט אויסגעבויט נייע לופטשיפן און אין יאָר 1910 איז פארטיק געוואָרן דער דיריזשאבל „צעפעלין 7 №א״ אָדער ווי מ׳האָט אים נאָך גערופן „דייטשלאנד״.



צעפעלינס דיריזשאבל. עס זעען זיך פון פאָרנט די רודער-פלאכעס און די פלאכעס וועלכע הייבן דעם דיריזשאבל ארויפצו.

ער האָט געהאלטן 70 קלאפטער אין דער לענג און איז געווען באשטימט צו פארווירקלאכן איינעם פון די סאמע דרייסטע פלענער: איינשטעלן א לופט-פארקער פאר פאסאזשירן!

מיט דעם צוועק איז צו אים צוגעפעסטיקט געוואָרן נאָך א דריטע פארמאכטע שיפל, וואָס האָט געהאט דעם אויסזען פון א טראמוויי-וואגאָן און האָט געקענט אריינגעמען 25 פאסאזשירן.

אויפן שיפל איז אויך געווען איינגעאָרדנט א בופעט מיט קאלטע מאכלים.

כדי צו פארקלענערן די משא, איז דאָס מעבל געמאכט געוואָרן פון געפלאָכטענע שטרוי, די געשירן פון אלומיניום און די טישטאכער און האנטאכער פון פאפיר און דינעם זייד.

אפילו א בופעט-אויפזועער האָט מען אויסגעקליבן אזא, וואָס זאָל ניט האָבן א צו שווערע וואָג.

די ערשטע רייזע — פון פרידריכסהאפן קיין דיסלדאָרף — איז דורכגעגאנגען זייער גוט.

ניט געקוקט אויפן ווינט און רעגן, האָט די שיף דורכגעמאכט דעם וועג אין 9 שעה, מאכנדיק 55 וויאָרסט א שעה.

אלע רייזנדע זיינען געווען אנטציקט פון דער אויסערגעוויינלאכער נסיעה אינם גרויסן, פרייען לופט-רוים.

* * *

אין אייניקע טעג ארום איז „דייטשלאנד“ געפלויגן צוריק מיט 17 פאסאזשירן.

מערקווירדיק איז די באשרייבונג פון דעררעזשיקער לופטרייזע:

געפלויגן איז די שיף קעגן ווינט. צוויי שעה האָט דער

דיריזשאבל ערפּאָלגרייך געקעמפּט מיטן ווינט.

פּלוצלונג איז אָבער איין מאָטאָר קאַליע געוואָרן און די געבליבענע צוויי האָבן ניט געקענט בייקומען דעם שטו־רים, וואָס האָט זיך געשטארקט פון מינוט.

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט באַשלאָסן אַראָפּצו־לאָזן זיך ביי דער שטאָט מיונסטער, פאַרביי וועלכער מ׳איז געפלויגן.

ס׳זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן טעלעגראַמעס מיט דער בקשה וועגן הילף.

אָבער דער שטורים און גוס־רעגן האָבן פאַרטראָגן די שיף גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג.

דערווייל האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרריכטן דעם קאַליע־געוואָרענעם מאָטאָר.

דאָס האָט געדויערט דריי שעה.

נאָך צוויי שעה האָט די שיף געקעמפּט מיטן ווינט, און די האָפענונג אויסצומיידן אַן אומגליק האָט זיך גענומען שטאַרקן.

ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַ נייע צרה: דער זאַ־פּאַס בענזין האָט גענומען אויסגיין, און וואו צו קריגן אַנדערע בענזין איז איינדערלופטן פאַרשטייט זיך, ניטאָ.

באַלד האָבן זיך די מאָטאָרן אָפּגעשטעלט, און דער

לופ־טריז איז געוואָרן א שפּילכעלע ביים שטורימווינט, וועל־כער האָט אים אויפגעהויבן אויף אָנדערהאלבן וויאָרסט די הייך און געטראָגן אים מיט א גוואלטיקער גיכקייט.

ביי די פּאסאזשירן האָט פארכאפּט דער אָטעם, ביים קאפּיטאן האָבן זיך אָפּגעלאָזט די הענט און אלע האָבן זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן.

די שיף, וועלכע האָט פארלאָרן א סך גאז און איז באדייטנד שווערער געוואָרן פון רעגן, וואָס האָט אלץ דורכ־גענעצט, האָט זיך אָבער לאנג ניט געקענט האלטן אויף אזא הויך, און באלד האָט זי גענומען פאלן מיט א גוואלטיקער האסטיקייט.

אייניקע פּאסאַזשירן האָבן געחלשט, ביי די איבעריקע האָט זיך פארדרייט דער קאָפּ.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א שטארקער קלאפּ און דער דיריזשאבל איז געבליבן שטיין.

די פּאסאזשירן זיינען א ביסל געקומען צו זיך, זיי האָבן זיך ארומגעקוקט און זיך אליין ניט געגלויבט:

על־פּי־נס האָט זיך דער דיריזשאבל פארטשעפּעט אָן די ביימער פון דעם טעווטאָבורער וואלד, זיך פא־פּלאָנטערט צווישן די צווייגן און איז אזוי ארום געבליבן הענגען מיט אלע זיינע פּאסאזשירן, וועלכע זיינען אָפּגעקומען בלויז מיט טויט־שרעק.

* *

אין אן ערך דריי וואָכן ארום נאָך דערדאָזיקער קאַטאסטראָפע, האָט מיט א צווייטן דיריזשאבל „הערבסלע“, וועלכער האָט אויך געפּרובט מיטנעמען פּאַכאַזשירן, געטראָפן נאָך א גרעסערער אומגליק, וואָס האָט שוין אָפּגעקאָסט עטלאכע מענטשלאכע קרבנות.

דאָס הייטל פון דער דאָזיקער לופטשיף איז געווען געמאכט פון שטאָף.

זי האָט פּלוצלונג געפּלאצט, דער דיריזשאבל איז געפאלן, ווי א שטיין, פון א גוואַלטיקער הויך, און אלע פינף פּאַסאַזשירן, צווישן זיי אויך דער ערפינדער פון דעם דיריזשאבל, ערבסלע, זיינען געהרגעט געוואָרן אויף טויט.

דעמזעלביקן גורל האָבן אויך געהאט דער ענגלישער דיריזשאבל „נולי סעקונדוס“ (דאָס הייסט, דער בעסטער פון אלע), וואָס זיין הייטל איז געמאכט געוואָרן פון קישקעס פון אן אָקס.—און אויך דער פראנצויזישער דיריזשאבל פון לעבאָדיס סיסטעם „פּאַטריע“.

מ׳האָט אים איינמאָל ארויסגעפירט פון שייער, כדי צו מאכן עפּעס א קליינעם רעמאָנט.

פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן א ווינט און האָט אראָפּגעריסן די שיף, ניט געקוקט דערויף, וואָס 200 סאָלדאטן האָבן זי געפּרובט איינהאלטן.

נאָך שרעקלאכערע אומגליקן זיינען פאָרגעקומען מיט צוויי גרויסע „צעפּעלינען״, וועלכע האָבן געפירט פּאסאזשירן אין יאָר 1913.

ביי איין קאטאסטראָפע זיינען אומגעקומען 15 מענטשן, ביי דער צווייטער זיינען געפאלן 28 קרבנות.

אָט די אלע שרעקלאכע אומגליקן האָבן באוויזן, אז די גרויסע פּאסאזשיר-דיריזשאבלען מוזן נאָך באדייטנד אויס-געבעסערט ווערן, איידער מ׳וועט זיך נאָך קענען רואיק און זיכער לאָזן אויף זיי אין א ווייטן וועג.

* * *

סאנטאָס-דיומאָן און גראף צעפּעלין זיינען ניט געווען די איינציקע, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיטן בויען דיריזשאבלען.

איינצייטיק מיט זיי האָבן געארבעט אויך א סך אנ-דערע פליער און געלערנטע, און יעדערער האָט זיך באמיט אריינטראָגן אין דער זאך א וועלכע ס׳איז אויסבעסערונג.

דערהויפּט זיינען באוואוסט די ארבעטן פון די עראָ-נאווטן*) פארסעוואַל אין דייטשלאנד און די שותפים זשוליאָ-לעבאָדי אין פראנקרייך.

---

*) עראנאווטן—לופטפליער, פון די גריכישע ווערטער ערא—לופט, און נאווט—א שיף.

*
*   *

צעפּעלינס לופטשיפן זיינען, ווי באַוואוסט, געבויט פון מעטאל.

דעריבער קען מען זיי קיינמאָל ניט צונויפלייגן, און זיי נייטיקן זיך תמיד אין א גרויסן געבויטן שייער, וואו מ׳זאָל זיי קענען באהאלטן פונם ווינט.

פארסעוואל און לעבאָדי האָבן געוואָלט אויסמיידן דעמדאָזיקן חסרון און האָבן אויסגעבויט זייערע דיריזשאַבּלען פון א ווייכער שטאָף.



פארסעוואל.

אין פאל פון נויט, קען מען ארויסלאָזן דעם גאז, דער גאנצער דיריזשאבל ווערט צונויפגעוויקלט אין א קליינעם פאקעט און מע קען אים צרויפלייגן און פירן אויף א וואָגן.

* *
*

דעם „פּארסעוואל № 3“ האָט מען אויסגעפּרובט אין דער שטאָט פראַנקפורט (אין דייטשלאנד).

די אַרעסטאַנטן פון דער גרויסער פראנקפורטער טורמע האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם לופט-גאַסט און האָבן אָנגעגעבן א בקשה צו דער פאַרוואַלטונג פון דער טורמע, מע זאָל זיי ווייזן, ווי פּאַרסעוואַל פליט.

די בקשה זייערע איז דערפילט געוואָרן, און פּאַרסעוואַל האָט זיך עטלאַכע מאָל אַרומגעדרייט איבערן גרויסן הויף פון דער טורמע, באַגלייט מיט הארציקע באַגריסונגען און בעגייסטערטע אויסרופן פון די אומגליקלאַכע אַרעסטאַנטן.

* *
*

ווי די לופטשיפן זיינען געבויט ווייסן מיר שוין. ווי אָבער ווערן זיי געקירעוועט אַרויף און אַראָפּ און אין אַלע זייטן?

איר האָט געוויס באַמערקט אויף די בילדער פון די צעפּעלינען א גרויסע צאָל פלאַכעס פון אַלע זייטן. אָט די דאָזיקע פלאַכעס זיינען עם די רודערס, וועלכע קירעווען די שיף.

דער הויפּט-רודער איז צו דער לופט-שיף צוגעפעסטיקט פונקט, ווי א רודער צו א שיפל אין וואַסער. ווען מע וויל

קירעווען די שיף דרייט מען דעם רודער אין דער אָדער יענער זייט.

די וויכטיקע רודערס דינען דעריבער צום איינהאלטן די שיף אין גלייכגעוויכט.

זייער טשיקאווע איז דער שכל פון די הויך-רודערס, ס'הייסט פון יענע פלאכעס, וועלכע פירן די שיף ארויף און אראָפּ און געפינען זיך פון ביידע זייטן שיף צו צוויי פּאָר. כדי צו פארשטיין זייער ארבעט וועלן מיר זיי באטראכטן באזונדער אויפן געמעל, וואו ס'איז אָנגעצייכנט דער פלאן פון א צעפעלין.

אויפן געמעל, וועלן מיר פֿארשטייט זיך, זען נאָר איין זייט פונם דיריזשאבל.



יעדער הויך-רודער באשטייט פון דריי פלאכעס, וועלכע זיינען אזוי צוגעפּעסטיקט איינע צו די צווייטע, אז זיי קענען זיך באוועגן נאָר צוזאמען.

ביידע הינטערשטע הויך־רודערס זיינען אזוי פּאראיי־
ניקט, אז זיי קענען זיך א דריי טאָן נאָר אין איין און דער
זעלביקער ריכטונג. דאָסזעלביקע איז אויך מיט די פאָדערשטע.

די ריכטונג, אין וועלכע די שיף פליט איז אויפן גע־
מעל אָנגעוויזן.

אויב די הויך־רודערס זיינען געשטעלט אזוי, ווי ס׳איז
אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטן געמעל, דאמאָלסט וועט דער
אנטקעגנדיקער לופט־שטראָם שפּארן אויף די פלאכעס פון
דעם פאָדערשטן הויך־רודער פון אונטן ארויף און וועט צו־
זאמען מיט די פלאכעס אויפהויבן אויך דעם פאָדערשטן
טייל פון דער שיף.

די פלאכעס פונם הינטערשטן הויך־רודער זיינען אינ־
דערזעלביקער צייט געשטעלט אזוי, אז דער אנטקעגנדיקער
לופטשטראָם שפּארט אויף זיי פון אויבן אראָפּ און דריקט
אראָפּ צוזאמען מיט זיי אויך דעם הינטערשטן טייל פון דער
שיף. די שיף וועט, אזוי ארום, זיך באוועגנדיק פאָראויס,
אויך אויפהויבן אלץ העכער, כל זמן דער לופטפליער וועט
ניט אויסגלייכן די הויך־רודערס.

אויף דעם אונטערשטן געמעל איז אָנגעוויזן ווי מ׳דארף
שטעלן די הויך־רודערס, ווען מ׳וויל, אז די שיף זאָל זיך
אראָפּלאָזן.

* * *

אויב איר וועט זיך צוקוקן צו פארסעוואלם דיריזשאבל

וועט איר באמערקן, אז צו אים זיינען צוגעפעסטיקט רודערס צו קירעווען די שיף אין אלע זייטן, קיין הויך-רודערס זיינען אין אים נים פאראן. ווי אזוי זאָל דער לופטפליער אויף אזא דיריזשאבל מאַן, בשעת ער וויל זיך אויפהויבן העכער אינ־דערלופטן, אָדער אראָפּלאָזן זיך נידעריקער?

דערצו האָט פארסעוואל צוגעקלערט אזא זאך:

ער האָט אין ביידע עקן פון זיין שיף אין הייטל אינע־וויניק אריינגעשטעלט צוויי קלענערע באלאָנען. פון די באַ־לאָנען פירן טרובן צו א לופט-פּאָמפּע, וועלכע געפינט זיך אין שיפל. אויב מע וויל אויפהויבן דעם דיריזשאבל אינ־דערלופטן, פּאָמפּעט מען ארויס די לופט פונם פאָדערשטן באלאָן און מע פּאָמפּעט אריין לופט אינם הינטערשטן. דער פאָדערשטער עק ווערט גרינגער און הויבט זיך ארויף; דער הינטערשטער, פארקערט, ווערט שווערער און לאָזט זיך אראָפּ, און דער גאנצער דיריזשאבל הויבט זיך ארויף, זיך באוועגנדיק בסדר פאָראויס.

* * *

די גרויסע וועלט-מלחמה האָט איבערגעריסן אין רעכטן מיטן די אנטוויקלונג פון די לופטשיפן.

איצט, ווען די וועלט קערט זיך ווידער אום צום פריד־לאכן לעבן און צו פרידלאכע ארבעטן, וועט געוויס אויך אויפלעבן די לופטפליעריי.

ס'איז אָבער א גרויסער ספק, צי וועלן זיך די גע־

לערנטע פארנעמען מיט די דיריזשאבלען, וואָס זייער אויפ־בוי קאָסט אָפּ גרויס מי און אוצרות געלט, און אויך יעדער נסיעה אויף זיי איז פארבונדן מיט גרויסע הוצאות.

דערצו נאָך—וואָס גרעסער די שיף איז, אַלץ שווערער קומט איר אויס צו קעמפן מיט די שטורימווינטן, וועלכע האָבן שוין פארשאפט ניט איין אומגליק.

דעריבער רעכענען די געלערנטע, אז די גוואלטיקע לופט־ריזן וועלן בּיסלאכווייז אָפּשטארבן און וועלן מוזן אָפּ־געבן די בכורה די קליינע און גיכע לופט־פויגלען—די אעראָ־פלאנען וועלכע זיינען געבויט גאָר אויף אנדערע יסודות און קאסטן ניט אין ערך וויניקער געלט און ארבעט.

וועגן דעם וואָס זיינען אזוינס אַעראָפּלאנען, ווי זיי פליען און ווי מ'איז דערגאנגען צום שכל זיי צו בויען—אין קומענ־דיקן קאפיטל.

III.

אעראָפּלאַנען.

אעראָפּלאַנען זײַנען שווערער ווי לופט.—לעאָנאַרדאָ־דע־ווינטשי און זײַן בוך.—די פאַל־שירמס.—קעליס פליגלען.—טאַטענס פלי־אַפּאַראַט.—מעקסימס אַפּאַראַט. — לאַנגלייס אעראָפּלאַן. — ליליענטאַל.—דער פאַטער פון אעראָפּלאַן. — די ברידער ראַיט.—פערבער.—סאַנטאָס־דיומאָן. — בלעריאָ. — פאַרמאַן.—דער ערשטער לופט־פלי איבערן ים.—לאַטאַם און בלעריאָ—פון לאָנדאָן קיין מאַנטשעסטער.—דער וועט־פלי צווישן פּאָלהאַן און וואַיט.—פאַרשיידענע טיפּן פון אעראָפּלאַנען.—ווי אַזוי איז געבויט אַן אעראָפּלאַן?—די ערפאָלגן פון די לופטפליער פאַר די פאָר יאָר פאַר דער מלחמה.—די פאַראייניקונג פון דער פרידלעבער טעטיקייט פון די לופטפליער.

די לופטשיפן, ווען וועלכע ס׳רעדט זיך אין די פריערדיקע קאפיטלען, האלטן זיך אינדערלופטן, ווייל זיי זיינען אָנגעפילט מיט א גאז, וואָס איז גרינגער, ווי לופט.

און פונקט אזוי, ווי א שטיקל האָלץ, וואָס איז גרינגער ווי וואסער, ווערט דורכן וואסער געשטופט ארויפצו, אזוי ווערן אויך די לופטשיפן, וועלכע זיינען גרינגער, ווי לופט, געשטופט אינדערלופטן ארויפצו.

גאָר אנדערש זיינען געבויט די עראָפּלאנען. זיי זיינען מיט קיין שום גאז ניט אָנגעפילט און זיינען שווערער, ווי די לופט. און דאָך האָבן מענטשן געפונען א מיטל, זיי זאָלן זיך הויבן און פליען אינדערלופטן.

ניט גלייך זיינען מענטשן דערגאנגען צום שכל אויפצוביען אזא עראָפּלאן, וועלכער זאָל לייכט און זיכער ארומפליען ווי א פויגל צווישן הימל און ערד. א סך פרובן זיינען געמאכט געוואָרן, א סך קרבנות זיינען געפאלן איידער דער עראָפּלאן האָט זיך אנטוויקלט צו זיין איצטיקער מדרגה.

שוין מיט 300 יאָר צוריק האָט דער באוואוסטער

איטאליענישער מאָלער און געלערנטער לעאָנארדא־דע־ווינטשי אָנגעשריבן א בוך אונטערן נאָמען „פארוואָס פליט א פויגל?. אין דעם דאָזיקן בוך האָט דער געלערנטער אנטוויקלט אזא געדאנק: דער קערפּער פון א פויגל איז שווערער, ווי לופט, און פונדעסטוועגן פאַלט ניט א פויגל צו דר׳ערד, ווי א שטיין, כל זמן עס פליט ארום.

נאָר אָט האָט א יענער אויסגעשאָסן און געטראָפן אין פויגל. אינדעמזועלביקן אויגנבליק פאלט דאָס פויגל צו דר׳ערד. פארוואָס זשע איז עס אזוי? גאָר פשוט: כל זמן דאָס פויגל איז ארומגעפלויגן האָט עס זיך געהאלטן אינדערלופטן; ווי נאָר דאָס פויגל איז פארוואונדעט אָדער געטויט געוואָרן, האָט עס זיך אויפגעהערט צו באַוועגן און איז ווי א שטיין, געפאלן צו דר׳ערד, ווייל פונקט, ווי א שטיין, איז עס שווערער, ווי לופט. פונקט אזוי וואָלט אויך א געזונט פויגל אראָפּגעפאלן, ווען עס זאָל אויף א רגע צונויפלייגן די פליגלען און אָפּשטעלן די באַוועגונגען. דער גאנצער קונץ פון האלטן זיך אינדערלופטן באַשטייט אזוי ארום, אין דעם, וואָס דאָס פויגל פליט, באַוועגט זיך.

ווייל דאָס פויגל זיך אראָפּלאָזן, נעמט עס זיך באַוועגן פאמעלאכער, שפּרייט אויס ברייט די פליגלען און לאָזט זיך לאנגזאם אראָפּ, ווי ס׳וואָלט זיך מיט די פליגלען אָנגעשפּארט אן דער לופט.

אויף אזא אופן איז דע־ווינטשי דערגאנגען צום גע־ראנק, אז די לופט איז בכוח אונטערצוהאלטן אפילו אזא געגנשטאנד, וואס איז שווערער פאר איר.

פארוואס דאס איז אזוי, איז ניט שווער צו פארשטיין. לאמיר נעמען א בויגן פאפיר און א ווארף טאן עס אינדער־לופטן, צוריק וועט דער בויגן ניט פאלן גלייך, נאר וועט שוועבן אינדערלופטן, איידער ער וועט דערגרייכן די ערד. די אויבערפלאך פונם פאפיר איז א גרויסע, ארום און ארום געפינט זיך לופט. כדי אראפצופאלן, מוז דער בויגן פאפיר, אזוי צו זאגן, פונאנדערשניידן, פונאנדערריאגן די לופט. אבער די לופט שפרייט זיך פונאנדער ניט אזוי גיך און שטערט דעריבער דעם בויגן פאפיר אראפצופאלן האסטיק, ווי זי וואלט געשפארט אויף אים פון אונטן. וואס גרעסער ס׳איז די אויבערפלאך פונם בויגן, אלץ שטארקער וועט אויף אים, פארשטייט זיך, דריקן פון אונטן די לופט, אלץ לאנגזאמער וועט ער פאלן צו דר׳ערד.

לעאנארדא־דע־ווינטשי האט עס אלץ גאנץ גוט פאר־שטאנען און ער האט אנגעהויבן קלערן וועגן אזא מאשין, וואס זאל זיך קענען באוועגן און פליען אינדערלופטן, ווי א פויגל.

ביי יענער צייט איז נאך אבער שווער געווען צוצו־טרעטן צו אזא מין ארבעט, ס׳האבן נאך געפעלט די נויטיקע אינסטרומענטן און מכשירים דערצו.

לעאָנאַרדאָ-דע-ווינטשי האָט דעריבער זיך געמוזט באַ-
גרעניצן מיטן געדאַנק פֿון אויסבויען אַזאַ מכשיר, וואָס מיט
זיין הילף זאָל מען קענען, אויב ניט פליען, איז כאָטש אַזוי
ווי א פויגל לאַנגזאַם און זיכער זיך אַראָפּלאָזן אויף דר'ערד
פֿון א גרויסער הויך.

און אַזאַ מכשיר האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצובויען.
דאָס איז דער פּאַל-שירם. דער פּאַל-שירם שטעלט פאָר
מיט זיך א גרויסן לייוונטענעם שירם, נאָר אָן א הענטל.
פונקט ווי א פשוטן שירם קען מען אים צונויפלייגן און
פונאַנדערנעמען. צום דעק פֿון שירם אַרום און אַרום זיינע
צוגעטשעפּעט שטריק, און צו די שטריק איז צוגעבונדן
א קליינע קאָרב, אין וועלכער ס'קען זיך אַריינזעצן א מענטש.

ווען מ'זאָל זיך אין אַזאַ פּאַל-שירם אַראָפּלאָזן פֿון א
גרויסער הויך, וויקלט זיך דער שירם פונאַנדער און לאָזט זיך
פּאַמעלאַך אַראָפּ, ווי ער וואָלט זיך געגליטשט איבער דער
לופט.

פֿאַרוואָס זשע פאַלט ער ניט האַסטיק? ווייל די לופט
האַלט אונטער זיין ברייטן אויבערדעק, פונקט ווי זי האַלט
אונטער די פליגלען פֿון א פויגל, ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ.
(מ'קען מאַכן אַזאַ פּרוב אויך מיט א פשוטן שירם: צובינדן
עפּעס א שווערע זאַך, צו זיין הענטל און אַראָפּלאָזן אים פֿון
א גרויסער הויך).

אונטערן דרוק פֿון לופט, קען זיך אָבער דער פּאַל.

שירם ביים אראָפּלאָזן איבערקערן, כדי עס אויסצומיידן, מאכט מען אינם אויבערדעק א קליין לעכל, כדי דורכצולאָזן דעם לופטשטראָם.

מ'האָט געפּרובט זיך אראָפּלאָזן אין א פאל־שירם פון 2 וויאָרסט די הויך, און דער פּרוב האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן.

* * *

לעאָנארדאָ־דע־ווינטשיס ערפינדונג איז נאָך זיין טויט אויף א צייט לאנג פארגעסן געוואָרן.

די ערפינדונג פונם לופטבאלאָן און די האָפענונגען אויסצוגעפינען א מיטל אים צו קירעווען אינדערלופטן, האָבן אויף א לאנגע צייט אָפּגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די געלערנטע פון לעאָנארדאָ־דע־ווינטשים ערפינדונג. און ערשט אין 200 יאָר נאָך דע־ווינטשיס טויט האָט זיך די וועלט ווידער דערמאָנט אָן דעם פאל־שירם.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון, וואָס איינער אן איטאַליאַניער פאוסט וועראנטשי איז אנטלאָפן פון א הויכן טורים, וואו ער איז געזעסן געפאנגען, מיט דער הילף פון א פאל־שירם.

דאָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון געלערנטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן מאכן פרובן מיט פאל־שירמס. די דאָזיקע פרובן האָבן אלעמען איבערצייגט, אז

פליען אינדערלופטן אין פאַל־שירמס שטעלט מיט זיך נישט
פאָר קיין שום געפאַר.



ווראַנטשי פליט אַראָפּ אויף אַ פאַל־שירם פון זיין געפענקעניש

ביי דעם האָט זיך די זאַך נאָך נישט אָפּגעשטעלט. מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק האָט אין ענגלאַנד געלעבט אַ געלערנטער מיטן נאָמען קעלי. ער האָט באַשלאָסן מאַכן אַ פּאָר פליגלען, אָנטאָן זיי און אַראָפּלאָזן זיך פון אַ וועלבער ס'איז הויך. די פליגלען האָט ער געמאַכט אין דער פאָרם פון ראַמען, יעדע ראַם האָט ער שטייף באַצויגן מיט לייוונט.

קעלי האָט אָנגעטאָן אויף די הענט די ראַמען אַזוי, אַז יעדע איז געווען עטוואָס אָנגעבויגן אַרויפצו. מיט דער

הילף פון זייט די פליגלען האָט זיך אים איינגעגעבן צו פליען פון א ניט קיין גרויסער הויך.

די לופט האָט אונטערגעשפּאַרט די עטוואָס איינגעבויגענע ראַמען און אונטערגעהאַלטן זיי אינדערלופטן, זיי זאָלן ניט פאַלן האבטיק.

קעלים פרובן זיינען אפילו געווען גאנץ געלונגען, ער האָט אָבער ניט געקענט זיך געבן קיין עצה, ווי צו ברייגען זיין אפאראט אין באוועגונג, כדי מ'זאָל זיך קענען האלטן אויף אים אינדערלופטן א לענגערע צייט, ווייל דאמאָלסט זיינען נאָך די קליינע און באקוועמע מאָטאָרן ניט געווען באוואוסט דער וועלט. א דאמף-מאשין, ווידער, איז פארן אפאראט געווען א צו שווערע משא.

דאָך האָבן קעלים פרובן צוגעצויגן די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט און נאָך זיין טויט איז זיין ארבעט פאָרגעזעצט געוואָרן דורך א סך אנדערע ערפינדער.

פון די אלע פילצאָליקע פרובן, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן, איז כדי צו דערמאָנען דעם פלי-אפאראט, וועלכן ס'האָט אויסגעבויט דער פראנצויז מאַטען.

צו זיין אפאראט, וועלכער האָט געהאט צווי פליגלען און א רודער האָט ער צוגעשעפּעט צווי פליגל-שרויפן. ווען די פליגל-שרויפן וועלן זיך דרייען, האָט ער אויסגערעכנט, וועלן זיי דורכשניידן די לופט און וועלן אריינדרייען, אריינ-

בויערן דעם אעראָפּלאַן אליין פאָראויס, אין די פאָדערשטע לופט-שיכטן.

ווי זאָל מען אָבער מאכן, אז די שרויפן זאָלן זיך דרייען? דערצו האָט ער צוגעפּעסטיקט צום אפּאראַט א מעש-קעסטל, אין וועלכער ס'איז געדריקט געווען אָנגעפּאָמפּעט לופט.



טאַטענס פלי-אַפּאַראַט.

ווען מ'וויל, דער אפּאראַט זאָל פליען, לאָזט מען ארויס ביסלאכווייז די לופט פון קעסטל. דער לופטשטראָם דרייט די פליגלען פון די שרויפן און דער אפּאראַט פליט.

טאַטענס אפּאראַט איז געווען צו שוואך אויף מיטצו-נעמען א מענטשן. מע פלעגט אים דעריבער צובינדן צו א לאנגער שטריק, און דער אפּאראַט פלעגט זיך ארומשוועבן אינדערלופטן, כל זמן די לופט אין קעסטל פלעגט ניט ווער-שיטער.

טאַטענס איינפאַל איז אפילו געווען א גאַנץ קלוגער. ער האָט אָבער געהאַט ווייניק באַדייטונג ווייל אויסנוצן

אים צום פליען מיט מענטשן איז געווען אוממיגלאך.

* * *

א סך וויכטיקער פאר דער אנטוויקלונג פון לופטפליערייי איז געווען דער פלי־אפאראט, וועלכן ס׳האט אויסגעבויט דער בארימטער ענגלישער אינזשיניער **מ ע ק ס י ם**, וועלכער האט אויך, אגב ערפונדן די מאשינען־געווערן.

זיין אפאראט האט ער אויסגעבויט אין 1891־טן יאר.



מעקסימס אפאראט.

דער אפאראט איז באשטאנען פון עטלאכע ראמען איינע איבער דער אנדערער. מעקסים האט צוגעפעסטיקט צום אפאראט פליגל־שרויפן, און איינגעשטעלט אויף אים עטלאכע שטארקע און גרינגע דאמף־מאשינען, וועלכע האבן געקענט ארבעטן יעדע מיטן כוח פון 360 פערד. זיין אפאראט האט ער אװעקגעשטעלט אויף רעלסן און האט אוועקגעלאזן די דאמף־מאשינען. די שרויפן האבן זיך גענומען דרייען מיט גרויס האסט, דער אפאראט האט גענומען לויפן איבער די רעלסן און האט זיך באלד אפגעריסן פון דר׳ערד

און איז ארויפגעפלויגן ארויפצו. דער אעראָפּלאַן איז אָבער געווען צו שווער, ער זאָל זיך קענען לאנג איינהאלטן אינ־דערלופטן, ער איז גאָר גיך אראָפּגעפאלן און איז צעשמע־טערט געוואָרן אויף שטיקער.

מעקסים האָט זיך מיאש געווען פון דערגרייכן גרעסערע ערפּאָלגן און האָט קיין נייע פּרובן שוין ניט געמאכט.

* *
*

פון אלע איבעריקע ערפינדער האָט זיך אויסגעצייכנט דער אמעריקאנער געלערנטער ל א נ ג ל י י. ער האָט אויס־געבויט זיין אפּאראט אין א קליינעם פאָרמאט און האָט אים



לאנגלייס אעראָפּלאַן.

אוועקגעלאָזן אינדערלופטן. דער ערפאָלג איז געווען פאר יענער צייט אן איבערראשנדער. דער קליינער אעראָפּלאַן איז דורכגעפלויגן א מהלך פון אָנדערהאלבן וויאָרסט און האָט זיך לאנגזאם און בשלום אראָפּגעלאָזן אויף דר׳ערד.

לאנגליי האָט דאמאָלסט געפּרובט אויסבויען אויך א גרויסן אעראָפּלאַן, וואָס זאָל מיטנעמען מענטשן. אָבער שוין ביי דער ערשטער לופט־נסיעה איז זיין אעראָפּלאַן אראָפּגעפאלן אין טייך, איבער וועלכן ער איז געפלויגן, און לאנגליי איז קוים ארויס מיטן לעבן. דער אפּאראט אָבער איז צעשעדיקט געוואָרן, אזוי אז פאררעכטן אים האָט זיך שוין לאנגלייען ניט איינגעגעבן.

* * *

צו יענער צייט האָט אויך אין דייטשלאנד געלעבט א געלערנטער אינזשיניער ליליענטאל, וועלכן מ׳האָט א דאנק זיינע גרויסע פארדינסטן פאר דער זאך פון לופטפליערייַ א נאָמען געגעבן: „דער פאָטער פון אעראָפּלאַן”.

ליליענטאל איז געווען א מענטש מיט גרויסער ענערגיע און האָט פארמאָגט א סך ידיעות.

נאָך פון די יונגע יאָרן אָן האָט ער זיך אינטערעסירט מיט דעם ענין פון לופטפליערייַ. פריער פון אלץ האָט ער זיך גענומען צוקוקן, ווי אזוי ס׳פליען פויגל, און דאָס האָט אים געבראכט צום געדאנק אויסצובויען אן אפּאראט, וואָס

זאָל זיך האלטן אינדערלופטן.

ער איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט און באלד איז ביי אים אזא מין אפאראט פארטיק געוואָרן. דער אפאראט איז געווען זייער ענלאך צו קעלים פליגלען, ער האָט שוין אָבער פארמאָגט פון הינטן א ברייטן עק, ווי ביי א פויגל, און צום עק איז געווען צוגעפעסטיקט א לייוונטענע ראם, וועלכע האָט געדינט פאר א רודער.

ליליענטאל איז ארויף מיט זיין אפאראט אויף א הויך בערגל. האָט אָנגעטאָן די פליגלען, א שפרונג געטאָן, און דער אפאראט איז לייכט און זיכער דורכגעפלויגן א היבשן מהלך. נאָך מער, מיט דער הילף פון רודער האָט ליליענטאל אפילו געקענט אים קירעווען אינדערלופטן אין דער אָדער יענער זייט.

דער דאָזיקער פרוב האָט ליליענטאלן צונגעגעבן מוט און ער האָט זיך נאָך ענערגישער גענומען צום אויסבעסערן זיין אפאראט. ער האָט גענומען פליען אלץ פון העכערע בערגלאך און איינמאָל האָט זיך אים איינגעגעבן אפילו דורכצופליען איבער דער גרעסטער גאס פון זיין שטאָט.

ליליענטאל האָט זיך אָבער ארומגעזען, אז איין פאָר פליגלען איז צו ווייניק צום האלטן זיך א צייט אינדערלופטן.

אמת, א דאנק דעם, וואָס די פליגלען זיינען עטוואָס איינגעבויגן ארויפצו, האלט דער ווינט אונטער דעם אפאראט

און לאָזט אים ניט אראָפּפאלן. אָבער ביי א צו שטארקן ווינט קענען די פליגלען ניט אויסהאלטן דעם דרוק פֿון לופט און דער אפּאראט שטייט אין געֶפֿאר זיך איבערצוקערן. ביי א צו שוואכן ווינט, ווידער, זיינען די פליגלען צו קליין, זיי זאָלן, קענען אונטערהאלטן דעם אפּאראט מיטן פֿליער.



ליליענטאל פליט אויף זיין אפּאראט.

ליליענטאל האָט דעריבער אויסגעבויט א נייעם אפּא-

ראַט, אין וועלכן די פֿליגלען זיינען געווען צוגעפּעסטיקט אין צווי רייען, איין רייע איבער דער אנדערער.

העכער 2000 פּרובן האָט ליליענטאַל געמאַכט אויף זיינע אַפּאַראַטן, און ער האָט שוין אָנגעהויבן קלערן וועגן צופּאַסן צו זיין פּלאַנירער*) א מאַשין, וואָס זאָל טרייבן דעם אַפּאַראַט אינדערלופטן אויף א גרעסערן מהלך.

אים איז אָבער ניט באַשערט געווען צו דערגרייכן זיין ציל.

ביי איינעם פון זיינע פּרובן אין יאָר 1896 האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן א שטאַרקער שטורים, וועלכער האָט איבערגעדרייט דעם אַפּאַראַט אינדערלופטן און אים מיט א גרויסן כוח אַראָפּגעשליידערט צו דר׳ערד. ליליענטאַל האָט זיך שווער צוקלאַפּט און איז נאָך קורצע ליידן געשטאָרבן.

* * *

זיין איינפאַל איז שוין אָבער ניט פאַרגעסן געוואָרן. אַלע האָבן זיך איבערצייגט, אַז מיט דער הילף פון איינפאַכע לייכטע ראַמען קען מען זיך האַלטן אינדערלופטן און אפילו דורכפליען א היבשן מהלך. און א סך געלערנטע און ערפינדער האָט אָנגעכאַפּט א חשק צו אַנטוויקלען און אויס־בעסערן ליליענטאַלס ערפינדונג.

*) אַזוי האָט מען גערופן דעם אַפּאַראַט ווייל ער איז באַשטאַנען פון גלאַטע ראַמען, לויט פראַנצויזישן אויסדרוק „פּלאַן פּאַר א ראַם“.

מער פון אלע אנדערע האָבן אויפגעטאָן אין דעם פּרט די צוויי באַרימטע אמעריקאנער, די ברידער ר א י ט.

די באהערשער פון דער לופט די ברידער אָרוויל און ווילבור ראיט, האָבן אין דער שטאָט דאיטאָן, אין צפון-אמעריקע, פארמאָגט א גרויסע פאבריק פון וועלאָסיפּעדן. זיי האָבן זיך פון תמיד-אָן זייער אינטערעסירט מיט די פאר-שיידענע פּרובן צו פליען אינדערלופטן און האָבן אויך אליין באקומען א גרויס חשק זיך דערצו צו נעמען.

ליליענטאלס ערפאָלגן האָבן געמאכט אויף זיי א שטארקן רושם, און נאָך זיין טויט האָבן זיי באשלאָסן פאָר-צוזעצן זיין ארבעט.

זיי האָבן אויסגעבויט א פּלאנירער און האָבן גענומען מאכן אויף אים זייערע פּרובן.

עטלאכע טויזנט מאָל האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אויפן פלאנירער און ענדלאך אין יאָר 1903 האָבן זיי באשלאָסן אוועקצושטעלן אויף אים א בענזין-מאָטאָר, וואָס זאָל דעם אפאראט טרייבן אינדערלופטן.

דאָס איז געווען דער ערשטער עראָפּלאן פון די ברי-דער ראיט.

שוין דעם ערשטן טאָג איז די ברידער ראיט געלונגען דורכצופליען 260 מעטער און זיך האלטן אינדערלופטן הע-בער א מינוט. דאָס איז געווען דער ערשטער טריט, און די

ברידער ראיט האָבן אים געהאלטן פאר זייער געלונגען. אין אייראָפּע איז אזא ערפּאָלג דערגרייכט געוואָרן ערשט אין דריי יאָר ארום.

די ברידער האָבן זיך גענומען נאָך מיט מער מוט צו דער ארבעט, זיי האָבן אויסגעבויט א נייע אויסגעבעסערטע מאַשין און זיי פלעגט זיך שוין איינגעבן דורכפליען אויף איר פיר מיט א האלבן וויאָרסט, מאכן א קרייז אינדערלופטן און זיך אראָפּלאָזן אויף דעמזעלביקן אָרט, פונוואנען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן.

דאמאָלסט האָבן זיי באשלאָסן איינצולאדן עטלאכע מיטארבעטער פון צייטונגען און ווייזן פאר זיי די ערפאָלגן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט.

די פּרובן האָבן זיי געמאכט אויף א פעלד ניט ווייט פון דאיטאָן.

פארביי דעם פעלד איז דורכגעגאנגען א ליניע פון דער עלעקטרישער אייזנבאן. כדי ניט צוציען די נייגעריקייט פון די פאסאזשירן, פלעגן די ברידער מאכן זייערע פּרובן אין די האלבשעהדיקע הפסקות צווישן איין צוג מיט דעם צווייטן.

באלד האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז די האלבע שעהען קלעקן ניט—דער עראָפּלאַן פלעגט זיך שוין האלטן אינדערלופטן דריי פערטל שעה און דורכפליען 40 וויאָרסט.

אזוינע לאנגע לופט-נסיעות האָבן, פארשטייט זיך, גאנץ

גיך צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די אייזנבאן-פאסאזשירן און באלד האָבן זיך באוויזן א סך נייגעריקע מיט פאָטאָגראפישע אפאראטן.

די ברידער ראיט האָבן דאמאָלסט פונאנדערגענומען דעם אעראָפּלאן און זיך אומגעקערט צו זיך אויף דער פאבריק. דערביי האָבן זיי נאָך באוויזן צו צוברעכן די פאָטאָגראפישע פלאטן פון איינעם, וועלכער האָט זיך צוגעאיילט ארונטערצונעמען זייער אפאראט.

דערזעענדיק, אז זייער ערפינדונג איז אנדעקט געוואָרן, האָבן די ברידער ראיט, וועלכע האָבן אויף די פּרובן געפּטרט בעט זייער גאנצן פארמעגן, זיך געווענדעט צו דער אמעריקאנער רעגירונג מיטן פאָרשלאג צו פארקויפן איר דעם סוד פון דער אנדעקונג פאר א מיליאָן דאָלאר.

זיי האָבן אָבער, ווייזט אויס, איבערגעשאצט דעם ווערט פון זייער ערפינדונג; זיי האָבן פארגעסן, אז דער געדאנק פון אעראָפּלאן איז באקאנט געוואָרן דער וועלט שוין פון פריער און אז זייער פארדינסט באשטייט נאָר אין דעם, וואָס זיי האָבן די ערשטע געהאט גענוג מוט דעם געדאנק צו פארווירקלאכן.

ווי די מעשה איז, די אמעריקאנער רעגירונג האָט געפונען דעם מקח פאר צו הויך, דערצו האָט מען זיך דאמאָלסט אין אמעריקע זייער אינטערעסירט מיט דיריזשאבלען—און די ברידער ראיט האָבן באקומען א אָפּזאָג.

דאמאָלסט האָבן זיי באשלאָסן ווארטן אויף בעסערע ציימן.

* * *

ס'זיינען אזוי אוועק א פּאָר יאָר. פאר דער צייט האָט מען אויך אין פראנקרייך גענומען מאכן פּרובן מיט פלי־מאשינען.

דער ערשטער, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט בויען עראָפּלאנען אין פראנקרייך איז געווען דער אָפיציר פּערבער. לכתחלה האָט ער אויסגעבויט עטלאכע פלאנירערס, ס'הייסט עטלאכע עראָפּלאנען, אָן פּראָפּעלערן און אָן מאָטאָרן.

בעת ער האָט גוט אויסגעשטודירט דעם ענין, האָט ער אויף איינעם פון זיינע פלאנירערס געשטעלט א פּראָפּעלער און געפּרובט אויף אים פליען. אָבער נאָך איינינע קליינע לופט־נסיעות, איז פערבער צוזאמען מיט זיין עראָפּלאן אראָפּגעפאלן פון א גרויסער הויך און האָט זיך צושלאָגן אויף טויט.

דאמאָלסט האָט זיך גענומען צום בויען עראָפּלאנען דער באוואוסטער סאנטאָס־דיומאָן, וועלכער האָט זיך אזוי בארימט געמאכט אין פראנקרייך מיט זיינע דיריזשאבלען. אויך דאָ האָט סאנטאָס־דיומאָן ארויסגעוויזן א זעלטענע ענערגיע. זיינע עראָפּלאנען האָט ער געבויט איינעם נאָך דעם אנדערן, קיין מפּלה האָט אים ניט אָפּגעשראָקן, ביז ער

האָט זיך דערשלאָגן צו אן ערפאָלג: אים האָט זיך איינגעגעבן, דעם ערשטן אין אייראָפּע, צו מאכן א געלונגענע לופט־נסיעה.

דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1906. ער איז דורכגעפלויגן א פערטל וויאָרסט און האָט געוואונען די באשטימטע פרעמיע דערפאר. פאר יענער צייט איז עס שוין געווען א גרויסער ערפאָלג. דאמאָלסט איז נאָך, פארשטייט זיך, שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אז עראָפּלאנען וועלן מיט דער צייט מאכן לופט־נסיעות אויף א מהלך פון הונדערטער וויאָרסטן, און דיומאָנס ערפאָלג האָט דערבער ארויסגערופן גרויס באגייסטערונג אין גאנץ אייראָפּע.

צו יענער צייט האָט אויך צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט דער שפּעטער נאָך מער בארימט געוואָרענער פראנצויז בלעריאָ. ער איז אין יאָר 1908 שוין דורכגעפלויגן 5 וויאָרסט ווייניגער ווי אין 4 מינוט. און אין אייניקע טעג נאָכדעם האָט ער געמאכט א לופט־נסיעה פון איין שטאָט אין דער אנדערער אויף א מהלך פון 28 וויאָרסט.

ניט קיין קלענערע ערפאָלגן האָבן דאמאָלסט דערגרייכט אויך די פראנצויזן פארמאן און דעלאגראנזש.

* * *

ווען די ברידער ראיט האָבן דערזען, אז מער ווארטן

מיט דער ערפינדונג האָט גיט קיין שום זין, האָבן זיי זיך געווענדעט צו דער פראנצויזישער רעגירונג מיט דער בקשה, מ׳זאָל אָפּקויפן זייער אפּאראט. די רעגירונג האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט; ס׳האָט זיך אָבער געבילדעט א חברה פון עט־לאכע מענטשן, וועלכע האָבן בשותפות אָפּגעקויפט ביי די ברידער זייער מאשין פאר א האלבן מיליאָן פראנק. אלס באדינגונג האָבן זיי דערביי געשטעלט, אז דער עראָפּלאן זאָל מאכן צוויי לופט־נסיעות גיט ווייניקער, ווי אויף 50 וויאָרסט מיט איין פּאסאזשיר און זאָל דערביי מיטנעמען א זאפּאס בענזין אויף 200 וויאָרסט.



ראיט פליט אריבער איבער א הויכן הילצערנעם טורים.

די ברידער ראיט האָבן דאמאָלסט אויסגעבויט א ניי־עם גרעסערן עראָפּלאן, אין וועלכן דער פליער האָט שוין

געהאט א פלאץ צום זיצן, און האָט ניט געדאַרפט מער ליגן אויסגעצויגן, ווי אין די פריערדיקע מאשינען.

נאָכדעם, ווי די ברידער האָבן אליין ביי זיך איגדער-היים אויסגעאַרבעט די נייע מאשין, איז איינער פון זיי, ווילבור, אוועקגעפאָרן אין פראנקרייך און האָט אָנגעהויבן דאָרטן בויען אין איינער פון די פראנצויזישע פאבריקן אזא מין עראָפּלאַן.

דער צווייטער ברודער אָרוויל איז געבליבן אין אמע-ריקע, כדי אָנטייל צו נעמען אין דעם וועט-פלי פון פארשיי-דענע אפּאראטן, וועלכע ס׳האָט איינגעאָרדנט די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן.

ס׳איז באשטימט געוואָ־ן א פרעמיע פון 25 טויזנט דאָלאר דעם לופטפליער, וועלכער וועט פליען מיט א פאסא-זשיר א שעה צייט און דורכמאכן ניט ווייניקער ווי 60 וויאָרסט.

אין פראנקרייך זיינען שוין צו יענער צייט געפלויגן מיט א באדייטנדן ערפאָלג איניקע פראנצויזישע פליער (פארמאן, דעלאגראנזש און אנד.)

דעם ערשטן חודש נאָך זיין קומען איז ראיט ניט ארויסגעטראָטן עפנטלאך. ער האָט אלץ געזוכט זיך צוצו-פאסן צום נייעם אפּאראט.

ערשט אין סעפטעמבער חודש האָט ער זיך באשלאָסן אָנהויבן קאָנקורירן מיט די פראנצויזישע פליער.

שוין דאמאָלסט האָט ער מיט זיינע ערפּאָלגן געלאָזן ווייט הינטער זיך זיינע קאָנקורענטן און ער האָט זיך גענו־מען גרייטן צום וועט־פלי, וועלכן ס'האָט באשטימט די פראנצויזישע רעגירונג מיט א פרעמיע פון 20 טויזנט פראנק און א גאָלדענעם ערן־בעכער.

גראָד דאמאָלסט האָט ווילבור באקומען פון אמעריקע די ידיעה וועגן דער קאטאסטראָפע, וואָס ס'האָט דאָרטן גע־טראָפן מיט זיין ברודער אָרוויל.

דער לעצטער האָט שוין מיט זיינע ערשטע שעהדיקע לופט־נסיעות מיט א פאסאזשיר זיך גלייך געמאכט א נאָמען און האָט אריבערגעשטויגן אלע קאָנקורענטן. זיינע ערפאָלגן זיינען אָבער פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן דורך א שרעק־לאכן אומגליק.

דעם 17־טן סעפּטעמבער האָט אָרוויל אויפגעהויבן מיט זיך אויפן עראָפּלאן דעם לייטענאנט סעלפרידזש; דאָס איז געווען א דיקער מענטש מיט $4\frac{1}{2}$ פוד וואָג. אזא משא האָט נאָך ביז דאמאָלסט קיין עראָפלאן ניט אויפגעהויבן.

לכתחילה איז אלץ געגאנגען כשורה. דער עראָפלאן האָט זיך לייכט אויפגעהויבן און האָט זיך דריי מאָל ארומ־געדרייט איבערן פעלד. פלוצלונג האָט זיך דערהערט א שטארקער קלאפּ, איין שרויף איז צעבראָכן געוואָרן און איז אראָפּגעפאלן אויף דר'ערד. אָרוויל האָט ניט באוויזן אָפּצו־שטעלן דעם מאָטאָר. דער עראָפלאן האָט זיך איבערגע־

דרייט אינדערלופטן און איז פון 8 קלאַפטער די הויך אראָפּ־געפאַלן אויף דר׳ערד. סעלפּרידזש איז געהרגעט געוואָרן צום טויט, און אָרוויל האָט צובראָכן א פוס.

איצט קען זיך שוין מיט אן עראָפּלאַן פון ראַיטס סיסטעם אזא אומגליק ניט טרעפן, ווייל איצט איז מען שוין דערגאנגען א מיטל אָפּצושטעלן דעם מאָטאָר אין יעדער רגע, אזוי, אז בשעת אפילו ס׳צובריכט זיך דער שרויף, לאָזט זיך דער אפּאראט אראָפּ אויף דר׳ערד, ווי א פּשוטער פלאנירער.

די ידיעה וועגן דעם ברודערס מפּלה האָט געמאַכט אויף ווילבורן א שווערן רושם. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּ־געלאָזן און שוין דעם 21־טן סעפּטעמבער האָט ער געמאכט אן אויסערגעוויינלאַכע לופט־נסיעה פאר יענער צייט:

ער האָט זיך געהאלטן אינדערלופטן העכער אָנדער־האלבן שעה צייט און איז דורכגעפלויגן מער ווי 70 וויאָרסט —אזוינע ערפּאָלגן האָט נאָך דאמאָלסט ניט דערגרייכט קיי־נער. דער גרויסער עולם האָט אים באגייסטערט באגריסט, אָבער אָרוויל האָט עס אויפגענומען גאנץ קאלט, ער האָט ניט אויפגעהערט צו קלערן וועגן זיין פארוואונדעטן ברודער, וועלכן די ערפאָלגן האָבן שיר ניט געקאָסט דאָס לעבן, און זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען:—„אָרוויל וועט דאָרטן זיין צופרידן אין שפּיטאָל!”

נאָך דער דאָזיקער גלענצנדער נסיעה, האָט ווילבור זיך

גענומען צו נייע נסיעות מיט פאסאזשירן. ער פלענט אויפ־הויבן מיט זיך יעדן, ווער ס'האָט נאָר פארלאנגט. סוף אָק־טאָבער האָט ער שוין אויסגעפילט אלע באדינגונגען, וועלכע די חברה האָט אים געשטעלט.

דאמאָלסט האָט די קאָמפאניע אויפגעבויט 50 אעראָ־פלאנען, וועלכע מ'האָט פארקויפט צו 10,000 רובל, אין דער צייט ווען זיך אליין האָבן זיי געקאָסט סך־הכל צו 2000.

אינגיכן האָט ראיט געמאכט א נייע גלענצנדע נסיעה.

ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף 45 קלאפ־ער און האָט בכיוון אָפגעשטעלט דעם מאָטאָר; דער אעראָפלאן האָט גע־נומען פאלן, ווי א שטיין. דער עולם, וועלכער האָט געמיינט, אז ס'האָט עפעס געטראָפן אן אומגליק מיטן אעראָפלאן האָט געמאכט מוראדיקע קולות. אָבער נאָענט ביי דער ערד האָט ווילבור א דריי געטאָן דעם אעראָפלאן אָן א זייט און האָט זיך רואיק אראָפגעלאָזן. דערמיט האָט ער באוויזן, אז קיין שום פלוצלונגדיקע צעשעדיקונג פונם מאָטאָר איז דעם פליער ניט שרעקלאך. דער עולם האָט באגריסט ווילבורן מיט אומאויפערלאכע אפלאָדיסמענטן.

אָבער ראיט האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט זיינע ערפאָלגן. יעדן טאָג פלעגט ער עפעס אויפטאָן א נייס און סוף דעצעמבער פלעגט ער שוין דורכפליען עבער 100 וויאָרסט מיט א מאָל.

דעם 31 דעצעמבער איז געווען דער לעצטער טערמין

צו געווינען דעם ערן־בעכער.

מיט א טאָג פריער האָט ווילבור ביי א שטארקן פראָסט, אָנגעטאָן אין א פעלץ און ארומגעוויקלט מיט פלעדן, זיך אויפגעהויבן אינדערלופטן. צוויי שעה צייט איז ער גע־פלויגן, ניט געקוקט אויף דער שרעקלאכער קעלט, אָבער דאמאָלסט האָט ער זיך ארומגעזען, אז אלץ אויפן ערא־פלאן איז פארפראָרן געוואָרן: דאָס וואסער, דער בענזין און אפילו די אייל, מיט וועלכער מ׳האָט געשמירט דעם מאָטאָר. די לייוונטענע ראמען האָבן אויסגעזען, ווי פארפראָרענע ברע־טער און ראיט אליין איז אויך געווען פארגליווערט פון קעלט. ערשט דאמאָלסט האָט ער זיך אראָפּגעלאָזן. אויף דר׳ערד האָבן אים צוויי מענטשן געמוזט אראָפּנעמען פון עראָפּלאן און זיך עטלאכע מאָל דורכגעוויפן מיט אים איבערן פעלד, ביז ער איז געקומען צו זיך.

די איבעריקע פליער האָבן זיך דעם טאָג אינגאנצן ניט אויפגעהויבן.

ענדלאך איז אָנגעקומען דער 31 דעצעמבער. אויסער ראיטן האָבן באשלאָסן צו פליען נאָך צוויי פליער: פארמאן פון פראנקרייך און מאָר־בראבאזאָן פון ענגלאנד.

זיי האָט אָבער שטארק ניט אָפּגעגאָלטן. פארמאנס מאָטאָר האָט געארבעט זייער שלעכט און מיט מאָר־ברא־באַאָנען האָט געטראָפן אן אומגליק: ס׳האָט אויפגעריסן דער בענזין, די מאשין איז צעשעדיקט געוואָרן און דער

פליער א׳יין האָט זיך שטאַרק אָפּגעבּרענט.

און ראיט איז דערווייל לייכט און רואיק געשוואומען און געדרייט זיך אינדערלופטן.

ס׳האָט גענומען ווערן טונקל. א שאָס פון א האַרמאַט האָט מודיע געווען, אז די זון איז פארגאנגען און דער וועב־פלי איז געענדיקט. דער צעפּראָרענער ראיט האָט זיך דאַמאָלסט נאָך א צווײ מיט א האַלב־שעהדיקער נסיעה אראָפּגעלאָזן, דורכמאַכנדיק 120 וויאָרסט.

דער עולם האָט אויפגענומען ראיטס ערפאָלג מיט שטורמישע באַגריסונגען, און דער פראַנצויזישער מיניסטער פאַר געזעלשאַפטלאַכע ארבעטן און לופט־פאַרבינדונג דואי באַרטו איז געווען אזוי באַגייסטערט, אז ער איז צוגעשטאַנען צו ראיטן מיט דער בקשה, ער זאָל אים אויפהויבן אינדערלופטן.

ס׳איז שוין געווען גוט פינסטער, בשעת ראיט איז מיטן מיניסטער ארויפגעפלויגן אויפן עראָפּלאַן און זיך מיט אים דורכגעשפּאַצירט עטלאַכע מאָל איבערן פעלד.

דער מיניסטער איז געווען אויסער זיך פון באַגייסטערונג.

ער האָט אָן אויפהער געדאַנקט ראיטן און אים פאַרזיכערט, אז ער האָט זיך געפילט אויפן עראָפּלאַן אויסגעצייכנט.

— גלויבט מיר, הער מיניסטער,—האָט אים געענט־פערט ראיט, אז אויף מיין אעראָפּלאן קענט איר זיך פילן זיכערער, ווי אויף אייערע אייזנבאנען...

ראיט איז געבליבן דער זיגער און האָט באקומען דעם ערן־בעכער. פארמאטערט פונם טאָג האָט ער זיך גלייך גאָכן אָזונטבדויט, וואָס מ׳האָט איינגעאָרדנט לכבוד אים, געלייגט שלאָפן אינם גרויסן שייער, וואו ס׳איז געשטאנען זיין אעראָ־פּלאן.

דער נייער יאָר האָט געטראָפן דעם בארימטן אמערי־קאנער אויף זיין לייוונטענער בעטל אונטער די פליגלען פון זיין „פויגל״.*)



ראיט פליט אויף זיין אעראָפּלאן.
פון ווייטן איז צו זען אויך א דיריזשאבל.

*) ווילבור ראיט איז געשטאָרבן אין יאָר 1912. ארוויל ראיט האָט געעפנט א שולע פאר לופטפליער און לעבט נאך עד־היום.

* * *

ראיטס און פּאַרמאַנס עראָפּלאַנען זיינען געווען צוויי־נאָרנדיקע, ס׳הייסט זיי זיינען באשטאנען פון צוויי ראמען, איינע איבער דער אנדערער.

די פֿראנצויזישע פליער בלעריאָ און סאנטאָס־דיומאָן האָבן אויסגעבויט די אזוי גערופֿענע מאָנאָפּלאנען, דאָס הייסט עראָפּלאנען מיט איין ראם. סיי אויף די, סיי אויף יענע עראָפּלאנען איז פארשיידענע לופטפליער געלונגען צו מאכן גלענצנדע לופט־נסיעות. ס׳איז אוממיגלאך אויסצורעכענען אלע ערפּאָלגן, וועלכע זיינען פארן לעצטן צענדליק יאָר דערגרייכט געוואָרן. אָבער וועגן אייניקע לופט־נסיעות, וועלכע האָבן צוגעצויגן דעם אינטערעס פון דער גאנצער וועלט, איז כדאי צו דערציילן. פריער פאר אלץ—וועגן דעם ערשטן לופטפלי איבערן ים.

IV.

דער ערשטער רופּמפּלי איבערן ים.

אין יאָר 1909 האָט איינע און ענגלישע צייטונג „דיילי מייל“ באשטימט א פרעמיע פון 25 טויזנט פראנק פארן אריבערפליען איבערן ים־דורכגוס לאמאנש.

דער דאָזיקער דורכגוס טיילט אָפּ פראנקרייך פון ענג־לאנד; ער האלט אין דער ברייט 30 וויאָרסט, אָבער דער ים איז אין אים תמיד שטורמיק, איבערן וואסער בלאָזן שטארקע ווינטן און אָפט איז דער גאנצער דורכגוס גאנצע טעג פארהילט אין א געדיכטן נעפּל.

א סך לופטפליער האָבן זיך פאראינטערעסירט מיטן פאָרשלאג פון דער צייטונג, אָבער קיינער האָט נישט געהאט גענוג מוט, כדי צו לאָזן זיך דער ערשטער אין אזא געפערלאכער נסיעה.

ענדלאך האָט איינער א פראנצויזישער לופטפליער, וועלכער איז שוין געווען באוואוסט מיט זיין דרייסטקייט און געניטקייט, מיטן נאָמען לאטאם מודיע געווען דער וועלט, אז ער האָט בדעה צו מאכן דעם געפערלאכן פרוב.*)

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון יולי־חודש

*) לאטאם איז שוין איינמאָל אין יאָר 1905 דורכגעפלויגן דעם דורכ־גוס אויף א לופטבאלאָן.

גאנץ־וועלט האָט זיך פאראינטערעסירט מיט לאטאמס הכנות, דערהויפט האָט מען געווארט אויף דער נסיעה איבערן ים אין לאָנדאָן און פאריז.

דעם 19־טן יולי האָט לאטאם געענדיקט צורעכטמאכן זיין פויגל און פרי פארטאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דעם פראנצויזישן ברעג אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט קאַלע.

לויט זיין געוואוינהייט האָט דער יונגער לופטפליער געמאכט א פּאָר קונצן אינדערלופטן און דאמאָלסט זיך גלייך אוועקגעלאָזן קיין דובר, דער ערשטער שטאָט אויפן ענג־לישן ברעג.

די פראנצויזישע רעגירונג האָט ספּעציעל ארויסגעשיקט א גרויסע דאמף־שיף, וועלכע זאָל נאָכהאלטן דעם עראָפּלאן און געבן אים הילף אין פאל פון אן אומגליק. אויך עטלאכע פּריוואטע שיפלאך האָבן זיך ארויסגעלאָזן באגלייטן דעם מוטיקן פליער

ס'האָט אָבער לאנג ניט געדויערט און לאטאם האָט איבערגעיאָגט זיינע באגלייטער. ער איז נעלם געוואָרן אין געדיכטן נעפּל און אין אן האלב שעה ארום האָבן אים די שיפן אינגאנצן פארלאָרן פון די אויגן.

אין א קורצער צייט ארום האָט זיך דערהערט א שאָס פון א הארמאט. דאָס האָט מען אין דובר באגריסט לאטא־

מען, וועלכער האָט זיך באַוויזן איבערן וואסער נאָענט - ביים ענגלישן ברעג. דער פּיל-טויזנטקעפּיקער עולם האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג געוואַרט אויף דער רגע, ווען לאַטאַם וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דר׳ערד.

פּלוצלונג, האָבן די צושויער דערזען, ווי דער אעראָפּלאן האָט אומגעריכט א ציטער געטאָן און איז תיכּף מיט א גוואלדיקער גיכקייט אראָפּגעפאלן אין וואסער.

עטלאכע שיפלאך האָבן זיך פהרף-עין א לאָז געטאָן צום אעראָפּלאן און די מאטראָסן האָבן באַלד דערזען א מאָדנעם בילד.

דער אעראָפּלאן איז געשוואומען מיטן שטראָם איבערן וואסער, און לאַטאַם איז זיך רואיק געזעסן אויף זיין פּלאַץ און קאַלטבלוטיק גערויכערט א פּאַפּיראָס, פּונקט ווי ער וואָלט געמיטלאך געזעסן ערגעץ ביי זיך אין צימער און ניט זיך געטרייסלט אויף די שוימיקע כוואליעס.

ווי לאַטאַם האָט דערקלערט, האָט דעם אומגליק פארשאַפט דער געדיכטער נעפל, וועלכער האָט געשטערט דער ארבעט פונם מאָטאָר.

דער לופטפליער איז אָבער ביי זיך פון דעם ערשטן ניט געלונגענעם פּרוב ניט געפאַלן: ס׳איז ניט אריבער קיין וואָך צייט, ווי ער האָט זיך שוין ווידער געטראָגן אין דער לופטן איבער די לאַמאַנשער כוואליעס.

אַט זעט זיך שוין דער ענגלישער ברעג און ס'איז שוין צו הערן די באַנריסונגס-פייפן פון די שיפן, וועלכע שטייען אין האפן ביי דובר. נאָך א קאַרגער וויאָרסט (800 מעטער) און דער ציל ייעט זיין דערגרייכט.

און פּלוצלונג, ווידער אומגעריכט פאר אלעמען, האָט זיך דער עראָפּלאן ביים סאמע ברעג א טרייסל געטאָן און איז אראָפּגעפאַלן אין וואסער. ווען דער מאָטאָר וואָלט געארבעט נאָך 40 סעקונדן, וואָלט לאטאמס רייסטער פּרוב געקרוינט געוואָרן מיט רומרייכן ערפאָלג.

ניט געקוקט אויף דער קאטאסטראָפע, האָט דער גוואלטיקער עולם, וועלכער האָט אָפּגעווארט לאטאמען אויפן ענגלישן ברעג, שטורמיש באגריסט דעם פליער מיט אות-אויפהערלאכע אפּלאָדיסמענטן.

* * *

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך געגרייט צום לופטפלי איבערן לאמאנש אויך א צווייטער פראנצויזישער פליער, דער באוואוסטער בלעריאָ, איינער פון די ערשטע פראנצויזישע אוויאטאָרן, וועלכער האָט אריינגעטראָגן פיל וויכטיקע נייעס אין דעם געביי פון עראָפּלאנען.

בלעריאָ האָט א לאנגע צייט געארבעט, איידער אים האָט זיך איינגעגעבן צו דערגרייכן די ערשטע ערפאָלגן. עט-לאכע יאָר נאָכאנאנד האָט זיך אים ניט איינגעגעבן אויפ-

צוהויבן זיך אינדערלופֿטן, — ארויפֿגעפֿלויגן און אראָפּגעפֿאלן, ווידער געפֿלויגן און ווידער געפֿאלן און אַזוי א סך, א סך מאָל.

דער עולם האָט ענדלאך פֿארלאָרן יעדן גלויבן אין בלעריאָס פֿעאיקייט צו פֿליען, און מ׳האָט גענומען מאכן חוזק איבער אים.

אין אייניקע זשורנאלן האָבן זיך באוויזן בילדער און קאריקאטורן, אויף וועלכע ער איז געווען געמאָלט מיט אָפּגעבראָכענע פֿליגלען, מיט דער אונטערשריפֿט: „בלעריאָ, אָדער דער מענטש וואָס פֿאלט״.

ערשט אין יאָר 1906 האָט זיך אים איינגעגעבן אויפֿצוהויבן זיך אויף 7 קלאַפֿטער איבער דער ערד און דורכצופֿליען 100 קלאַפֿטער. פֿאר יענער צייט איז דאָס שוין געווען א באדייטנדער ערפֿאָלג.

נאָך גרעסערע ערפֿאָלגן האָט שוין בלעריאָ דערגרייכט אין 1908-טן יאָר; אין יולי איז ער שוין דורכגעפֿלויגן עטלאכע וויאָרסט, אין אָקטאָבער האָט ער דורכגעמאכט פֿינף וויאָרסט ווייניקער ווי אין פֿיר מינוט און אין עטלאכע טעג ארום איז ער דורכגעפֿלויגן, ניט אראָפּלאָזנדיק זיך, 28 וויאָרסט פֿון איין שטאָט אין א צווייטער.

ווען בלעריאָ האָט זיך דערוואוסט פֿון לאטאמס מפּלות האָט ער אים געשיקט א מיטגעפֿיל-דעפּעש און האָט גלייך אויך אליין גענומען מאכן הכנות צו דער לופֿט-נסיעה.

דעם 24־טן יולי האָט געזאָלט פאָרקומען דער איינ־ציטיקער לופטפלי פוןביידע בארימטע פליער, בלעריאָ און לאטאם, איבערן דורכגום לאמאנש.

לויט די באדינגונגען, וואָס די רעדאקציע פון דער ענגלישער ציטונג האָט געשטעלט, האָבן די פליער געדארפט ארויספליען פֿארטאָג, גלייך נאָך דעם זון־אויפגאנג.

בלעריאָ איז געווען אויף די פיס שוין א שעה פארטאָג און ביי דעם ערשטן זונען־שטראל, האלב פֿינף פארטאָג, איז שוין זיין עראָפּלאן געווען אינדערלופטן.

לאטאם האָט אָבער צופֿעליק יענעם פרימאָרגן גראָד פארשלאָפֿן און בעת ער האָט זיך אויפגעכאפט, איז שוין בלעריאָ געווען אין וועג.

לאטאם איז געווען אויסער זיך פון פארדרוס. ער האָט אָבער ניט פֿארלאָרן קיין איבעריקע מינוט, זיך א וואָרף גע־טאָן צו דער מאשין און מיט די ווערטער: „מיר וועלן אים דעריאָגן" האָט ער אוועקגעלאָזן דעם מאָטאָר. אָבער פלוצ־לונג האָט זיך אויפגעהויבן א שטארקער ברעג־ווינט און אויפֿהויבן זיך אינדערלופטן אין אזא שטורים איז פשוט גע־ווען פארבונדן מיט לעבנסגעפאר.

לאטאם האָט זיך געריכן צום עראָפּלאן, אָבער זיינע פריינד האָבן אים שיר ניט מיט געוואלד אָפּגעהאלטן פֿון דעם געפערלאכן פרוב. ס'איז געווען קאָנטיק, אז די אומגע־

ריכטע מניעה קאָסט לאטאמען פיל געזונט.

און בלעריאָ איז זיך דערווייל געפלויגן איבערן ים באגלייט האָט אים א פראנצויזישע שיף, אויף וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען זיין פרוי; איינצייטיק זיינען אויך ארויסגעשוואומען פון קאלע עטלאכע אונטערוואסער־שיפלאך



בלעריאָ פליט איבערן לאמאנש. אונטן אויפן וואסער איז צו זען די שיפלאך וועלכע האָבן אים באגלייט אין וועג. בלעריאָ האט זיי געלאָזן ווייט אינטער זיך

אינטערעסאנט איז, אז די וואסער־שיפלאך, וועלכע מע קאן פון א שיף בשום־אופן ניט באמערקן, זיינען פון אעראָ־פלאן געווען גוט קענטיק אונטערן וואסער.

גאנץ גיך האָט בלעריאָ אריבערגעיאָגט די שיף און איז געלם געוואָרן אינם נעפל.

א גרויסער עולם מענטשן איז געשטאנען אויפן פראנ־צויזישן ברעג ביי דער סטאנציע פון דראָטלאָזן טעלעגראף

און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף א ידיעה וועגן בלעריאָ.

א 40 מינוט איז אריבער אין פיינלאכער דערוואַרטונג. פלוצלונג האָט דער טעלעגראַף מודיע געווען:

—„בלעריאָ איז שוין איבערן ענגלישן ברעג, ער לאָזט זיך אראָפּ.“

און אין נאָך א מינוט ארום:

—„די נסיעה איז פאַרענדיקט מיט ערפאָלג, בלעריאָ האָט זיך בשלום אראָפּגעלאָזן ביי דובר“.

מיט א שטורמישער פרייד האָט דער עולם אויפגענומען די בשורה.

נאָך א גרעסערער עולם ענגלענדער האָט זיך צונויפגע־קליבן אויפן ענגלישן ברעג מקבל־פנים זיין דעם מוטיקן פליער.

איבערן ים איז געשטאַנען א לייכטער נעפּל און די כוואַליעס האָבן געגלאַנצט אונטער די ערשטע שטראַלן פון דער זון.

ענדלאך האָט זיך ווייט איבערן וואסער באַוויזן א פּינטעלע. וואָס נעענטער—איז דאָס פּינטעלע געוואָרן אלץ גרעסער און באלד האָבן אלע דערזען, אז דאָס איז בלעריאָס אעראָפּלאַן.

באלד האָט זיך אויך דערהערט דער גערויש פונם מאָ־טאָר.



בלעריא דערגרייכט דעם ענגלישן ברעג.

דער ים-ברעג ביי דובר איז א געדרייטער און פּעלזי-קער און אראפּלאָזן זיך אויף אים איז פארבונדן מיט גרויס געפאר.

בלעריאָ האָט זיך דעריבער גענומען דרייען אינדערלופטן איבערן ברעג, ווי זוכנדיק ערגעץ א גלייכערן, זיכערן פלאץ צום אראָפּלאָזן זיך.

צווישן עולם האָט זיך געפונען א מיטארבעטער פון א פראנצויזישער צייטונג. ער האָט פארשטאנען, אז בלעריאָ זוכט אן אָרט זיך אראָפּצולאָזן, האָט ער געכאפּט א פאָן און גענומען לויפן פאזע ברעג. בלעריאָ האָט באמערקט די פאָן און האָט זיך אראָפּגעלאָזן אינם אָנגעוויזענעם אָרט.

פון גרויס אויפרעקונג און פרייד, האָט בלעריאָ א ביסל

צו גיך „אָפּגעלאָזן די לייצעס“. דער אעראָפּלאן האָט זיך צ
האסטיק אראָפּגעלאָזן און א ביסל געוואָרן צעשעדיקט.

בלעריאָ איז אָבער באלד געקומען צו זיך, ער האָט
אויסגעגלייכט זיין פויגל און איז רואיק פון איר אראָפּ. א
גרויסער עולם האָט אים גלייך ארומגערינגלט און באגריסט.



בלעריא לאָזט זיך אראָפּ אויפן ענגלישן ברעג.
פון הינטן איז צו זען דעם פראנצויז מיט דער פאָן.

— דער ציל איז, הייסט עס, דערגרייכט, האָט אויס-
געשריען דער רעדאקטאָר פון דער ענגלישער צייטונג
„דיילי מייל“.

— יאָ, דערגרייכט! — האָט געענטפערט בלעריאָ און האָט דערציילט, אז ניט קוקנדיק אויף די אָנווייזונגען פון זיינע פריינד, האָט ער זיך אין וועג א ביסל פארבלאָנדזשעט און דעריבער איז אים אויסגעקומען אין די 33 מינוט, וועלכע ס'האָט געדויערט די נסיעה, דורכצופליען א סך א גרעסערן מהלך איבערן וואסער ווי דער גלייכער וועג.

דאמאָלסט האָט ער זיך דערמאָנט וועגן לאטאמען און אומרואיק געפרעגט:

— וואָס מאכט לאטאם?

דערהערנדיק, אז מיט לאטאמען האָט קיין אומגליק ניט פאסירט, האָט בלעריאָ ארויסגעוויזן גרויס צופרידנהייט.

באלד האָבן זיך באקומען פון פראנקרייך אָן א שיעור באגריסונגס-טעלעגראמעס. איינע פון די ערשטע איז געווען פון לאטאמען:

— „כ'שיק אייך מיין בעסטע באגריסונג. כ'האָף אינגיכן אייך נאָכצוטאָן". *)

אָבער אין דער ערשטער מינוט, ווען לאטאם האָט זיך דערוואוסט פון בלעריאָס ערפאָלג, האָבן זיך אים באוויזן טרערן אין די אויגן.

אין דער אייגענער צייט, ווען בלעריאָ האָט געגאָסן

*) אין 3 טעג ארום איז לאטאם טאקע ווידער געפלויגן, אָבער אויך דאָס מאָל אָן ערפאָלג.

דעם כשר־פארדינטן כבוד, האָט מען אויף דער שיף, אויף וועלכער ס'איז געפאָרן זיין פרוי, זיך וועגן אים זייער באַ־אומרואיקט. זינט מ'האָט אים פאַרלאָרן פון די אויגן, האָט מען פון אים שוין גאָרניט געוואוסט. ערשט אין א צייט ארום, האָט די שיף דערגרייכט דעם ענגלישן ברעג און בלעריאָס פרוי האָט איינע פון די לעצטע זיך דערוואוסט וועגן דעם מאנס ערפאָלג.

וועגן זיין רייזע האָט בלעריאָ אזוי דערציילט:

— „כ'האָב געזען פאַר זיך אינדערלופטן א פרייען וועג, באַלויכטן פון די ערשטע פריינדלאַכע זונען־שטראַלן. כ'בין געווען רואיק און האָב געהאט פעסט אין זינען, אז נאָר איין שונא האָב איך פאַר זיך—דעם ווינט. כ'האָב אָבער אויפמערקזאם נאָכגעשפירט אלע זיינע באַוועגונגען, האָב אים אונטערגעשטעלט צו דער צייט מיינע פליגלען און פון א שונא איז ער געוואָרן מיין בעסטער מיטהעלפער. לכתחילה האָב איך געזען נאָר דעם הימל—ער איז געוואָרן, ווי נעענ־טער צו מיר. דערנאָך האָבן זיך פון אונטן באַוויזן די כוואַ־ליעס פונם ים און אויף זיי האָב איך באַמערקט, ווי א קליין שיפעלע, דעם דאמפער, וועלכער איז ארום מיך צו באַגלייטן אין וועג.

אז כ'האָב דערגרייכט דעם ענגלישן ברעג, איז אויף מיין מאשין עפעס קאַליע געוואָרן און כ'האָב ביים אראָפּ־לאָזן זיך עטוואָס צעשעדיקט די פליגלען. דאָס איז אָבער א קלייניקייט, מיין ציל האָב איך דערגרייכט!"

* * *

א דאנק דער דרייסטער לופט־נסיעה איבערן לאמאנש איז בלעריאָס נאָמען געוואָרן זייער באוואוסט אומעטום דערהויפט אין זיין פאָטערלאנד—אין פראנקרייך.

אויף וויפל דער עולם האָט געשעצט דעם פליער, האָט זיך ארויסגעוויזן מיט א קורצער צייט שפּעטער ביי א וועט־פלי פון פארשיידענע פליער אין דער פראנצויזישער שטאָט ריימס.

העכער הונדערט טויזנט מאן איז געווען אויפ׳ן פעלד. מיט באגייסטערטע אויסרופן האָבן די צושויער באגריסט בלעריאָן, בשעת ער האָט זיך אויפגעהויבן אינדערלופטן.

פלוצלונג האָט אָבער אויפ׳ן עראָפּלאן זיך אָנגעצונדן דער בענזין, און אלע האָבן מיט גרוים שרעק דערזען, ווי דער גרויסער ברענענדיקער פויגל פאלט, ווי א שטיין, אויף דר׳ערד.

ס׳האָט ניט געדויערט קיין מינוט ווי דער עראָפּלאן איז שוין געלעגן צעבראָכן אויף שטיקער.

על־פּי־נס איז בלעריאָ נצול געוואָרן פון זיכערן טויט און האָט זיך בלויז אָפּגעברענט א האנט.

דער עולם האָט געמיינט, אז בלעריאָ איז געהרגעט געוואָרן און איז געווען אויסער זיך פאר צער. מ׳האָט גע־שריען געמאכט קולות, מ׳איז געווען ווי צודולט. ס׳איז דער־

גאנגען דערצו, אז די איינאָרדנער פון דעם וועט־פלי האָבן געמוזט אַרויסלאָזן א רייטער, וועלכער האָט זיך געטראָגן איבערן פעלד און געשריען צום עולם:

— בלעריאָ לעבט, בלעריאָ לעבט!

* * *

די ערשטע נסיעה איבערן לאמאנש האָט פארשאפט בלעריאָן גרויס כבוד, אָבער אויך לאטאם איז ניט אָפּגעשטאנען פון זיין בארימטן חבר.

נאָר גיך האָט ער אין א זייער געפערלאכן לופטפלי באוויזן, וויפל געניטקייט און וואָס פאר א שטארקן כאראקטער ער פארמאָגט.

אויף א גרויסן פעלד ביי בערלין האָט געדארפט פאָרקומען א וועט־פלי פון א סך עראָפּלאנען. אלע לופטפליער זיינען אָנגעקומען מיט זייערע מאשינען מיטן באן און האָבן שוין געמאכט אלע הכנות אָנצוהויבן דעם וועט־פלי.

אָבער מיט אמאָל האָט זיך אויפגעהויבן א שטארקער שטורים, און דעם פלי האָט מען געמוזט אָפּלייגן.

צווישן אלע פליער האָט געפעלט איין לאטאם. פלוצלונג, ווען דער שטורים האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, האָט זיך באקומען די ידיעה, אז באלד וועט אָנקומען לאטאם, אָבער ניט מיטן באן, נאָר אויף זיין עראָפּלאן.

די ידיעה האָט דער גרויסער עולם אויפגענומען מיט אומ־צופרידנהייט, אנדערע האָבן אפילו געמאכט חוזק פון דעם של'ממזלדיקן „העלד פון לאמאנש."

גרויס איז דעריבער געווען די ערשטוינונג, ווען אין א קורצער צייט ארום האָט זיך באוויזן אינדערלופטן אויף דער הויך פון 100 קלאפטער לאטאמס פויגל, וואָס האָט זיך געטראָגן מיטן ווינט מיט דער גיכקייט פון 130 וויאָרסט א שעה.

אזא גיכקייט איז נאָך ביז דאמאָלסט ניט געהערט געוואָרן. אויסערדעם האָט נאָך דאמאָלסט קיינער ניט געוואגט אריינצוטרעטן אין א געפערלאכן געראנגל מיטן שטורים.

לאטאם האָט זיך א ביסל ארומגעדרייט איבער די קעפ פון די ערשטוינטע צושויער און ניט געקוקט אויפן שטארקן ווינט, האָט ער זיך בשלום אראָפגעלאָזן אויף דר'ערד באַגעגנט מיט באגייסטערטע אפלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען.

דער ערשטער, וואָס האָט באגריסט לאטאמען מיט זיין מוטיקן אויפטו איז געווען דער לופטפליער בלעריאָ.

— „איר האָט דערגרייכט אן אומגעאייערן ערפאָלג. איר האָט באוויזן, אז א געניטן פליער, איז קיין שטורים ניט שרעקלאך, מיט אייער לופט־נסיעה הויבט איר אָן א נייע צייטל אין דער געשיכטע פון לופטפליעריי—האָט געזאָגט צו לאָטאמען דער „העלד פון לאמאנש."

דער וועט־פלי צווישן פּאַראַן און אואייט.

אין יאָר 1910 האָט איינע און ענגלישע צייטונג „דיילי מייל“ באשטימט א פרעמיע פון הונדערט טויזנט רובל פארן אריבערפליען אויף אן עראָפּלאן פון לאָנדאָן, דער הויפטשטאָט פון ענגלאנד, אין מאנטשעסטער, א וויכ־טיקע ענגלישע פאבריק־שטאָט.

דער גאנצער מהלך פון קרוב 300 וויאָרסט האָט מען געדארפט דורכמאכן אין משך פון איין מעת־לעת, דערביי האָט מען זיך געמענט אראפּלאָזן אויף דר׳ערד ניט מער פון צוויי מאָל.

פון אלע לופטפליער, וועלכע האָבן זיך געפּרובט באַ־קומען די פרעמיע, האָבן זיך באזונדערס אויסגעצייכנט דער ענגלישער פליער אואייט און דער פראנצויז פּאַראַן.

* * *

דער ערשטער פּרוב האָט זיך אואייטן ניט איינגעגעבן. ער האָט שוין געהאט דורכגעפלויגן צוויי דריטל פונם וועג, העכער 200 וויאָרסט, ווי ס׳איז פּלוצלונג קאליע געוואָרן

דער מאָטאָר און דער לופטפליער האָט זיך געמוזט אראָפּ־לאָזן.

ער האָט זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן און האָט דריי טעג געהאָרעוועט טאָג און נאכט, איידער ער האָט פאררעכט זיין פויגל."

דאמאָלסט האָט ער גערעכנט אָנהויבן פליען פון דאָם־ניי.

אוואייט איז אָבער געווען אזוי פארמאטערט, אז ער האָט באשלאָסן אָפּצורוען א טאָג צייט און דאמאָלסט זיך לאָזן אין וועג.

אָבער כל־זמן אוואייט איז זיך רואיק געשלאָפן, איז אין לאָנדאָן געקומען דער פראנצויזישער פליער פּאָלאַן, כדי אויך אָנטייל צו נעמען אין דעם וועט־פלי.

אין עטלאכע שעה צייט האָט פּאָלאַן פארטיק געמאכט זיין עראָפּלאַן צום פליען. ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין פרוי און זיין לערער פ א ר מ א ן און האָט זיך אויפגעהויבן אינדערלופטן.

כדי ניט צו פארבלאָנזשען אינם לופט־אָקעאַן, האָט זיך פּאָלאַן געזאָלט האלטן די גאנצע צייט פאזע דעם אייזנבאַן־וועג לאָנדאָן—מאנטשעסטער.

פאר זיין פרוי און זיינע פריינד האָט מען אויסגעלאָזן א ספעציעלן צוג, און דער צוג האָט געזאָלט נאָכהאלטן

דעם אעראָפּלאַן.

לכתחילה איז פּאָלאַן נעלם געוואָרן אינדערלופטן. דער צוג איז געגאנגען מיט דער גרעסטער האסטיקייט, אָבער ערשט אין אָנדערהאלבן שעה ארום האָבן די פּאסאזשירן דערזען הויך איבערן צוג דעם אעראָפּלאַן.



פּאָלאַן יאָגט אריבער דעם צוג.

ס'איז שוין געוואָרן אָוונט, בשעת פּאָלאַן האָט זיך אראָפּגעלאָזן נאָך א דריי־שעהדיקער נסיעה אין ליטשפעלד

(180 וויארסט פון לאָנדאָן, פון וואנען ער איז ארויסגעפלויגן).

דאָ האָט דער לופטפליער באשלאָסן איבערצוגעבן מיקן כדי א שפּראָץ אויף טאָג זיך לאָזן אין ווייטערדיקן וועג.

* *
*

אויסן האָבן מיר געלאָזן א שלאָפנדיקן אין לאָנדאָן. ער האָט נאָך ניט באוויזן, ווי ס'דארף צו זיין זיך אויסצורוען, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אז מיט א שעה צוריק איז פּאָלאַן אוועקגעפלויגן אין מאנטשעסטער.

די ידיעה האָט געמאכט אויף אים א שווערן רושם, ווארים דער בארימטער פראנצויזישער פליער פּאָלאַן איז געווען פאר אויסן אן ערנסטער קאָנקורענט.

פּאָלאַן איז געווען זייער א מוטיקער און אנטשלאָסע־נער מענטש און האָט שוין ניט איינמאָל דערגרייכט גרויסע ערפאָלגן אין לופטפליערײַ.

מיט א פּאָר חדשים צוריק איז ער געפלויגן אין אמע־ריקע און האָט דאָרטן געוואונען א סך פּרעמיעס אין וועט־פליען.

ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן זיך דערוועגט אויפהייבן אויף אן אעראָפּלאַן אינדערלופטן העכער ווי אויף א וויאָרסט די הויך.

זיצנדיק איינמאָל אין א בארניק שטעטל אין אמערי־

קע צװישן גוטע פריינד, האָט פּאָלאַן ארויסגעזאָגט זיין מיי-נונג, אז פליען אויף צװיי װיאָרסט די הויך איז ניט שװערער, װי אויף א פערטל װיאָרסט.

דערזעענדיק, װי זיינע פריינד האָבן גענומען מיט אומ-צוטרוי שמייכלען, האָט פּאָלאַן רואיק אָנגעהויבן זיי אויפן הויכן בארג-שפיץ, װאָס האָט זיך געזען דורכן פענסטער, און געפרעגט:

— װי הויך איז דער בארג?

— א װיאָרסט מיט א פערטל.

— נו, װעל איך זיך מאָרגן דורכשפּאַצירן איבער אים.

און זיין װאָרט האָט פּאָלאַן געהאַלטן.

ס'איז דעריבער גאָרניט קיין װאונדער, װאָס אואייט איז געפאלן ביי זיך, דערהערנדיק מיט װאָס פאר א געניטן לופט-פליער אים קומט אוים צו קאָנקורירן.

האָט ער ניט געװאַרט קיין רגע, גלייך צוגעריכט זיין פלי-מאשין, און זיך מיט האסט אװעקגעלאָזן אַנטקעגן פּאָלאַנען.

אואייט האָט אָבער נאָך ניט באַװיזן דורכצופליען 90 װיאָרסט, װי ס'איז געװאָרן שטארק פינסטער, אזוי, אז ער איז געװען געצװאונגען זיך אראָפּצולאָזן אויף נאכט ביי דעם שטעטל ראָרא, 90 װיאָרסט פון לאָנדאָן.

— װאו איז פּאָלאַן? — איז געװען זיין ערשטע פראגע.

— אין ליטשפעלד — האָט מען אים געענטפערט.

אָט די ידיעה, אז זיין קאָנקורענט איז דורכגעפלויגן א דאָפּלטן מהלך ווי ער, האָט אים ניט געלאָזט רואיק שלאָפן און עטלאכע שעה פאַרטאָג איז דער מוטיקער פליער אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און באַשלאָסן זיך לאָזן אין וועג אינדערפינסטער.

קיינער האָט נאָך ביז אואייטן ניט געוואַגט צו פליען ביינאַכט, דערצו איז נאָך געווען גראָד סוף-חודש און אפילו די לבנה איז אויך ניט געווען אויפן הימל.

אואייטס מוטער און פריינד האָבן אים געפּרובט אָפּ-האַלטן פון דער געפערלאַכער נסיעה, קיין זאַך האָט אָבער ניט געקענט ברעכן דעם באַשלוס פונם מוטיקן ענגלענדער.

ער האָט זיך געזעצט אין אעראָפּלאַן און אוועקגע-לאָזן דעם מאָטאָר.

— דו וועסט דאָך גאָרניט זען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, וואַרט אָפּ ביז אינדערפרי, שטייג אַרויס— האָט זיך געבעטן ביי אים זיין מוטער.

—ניין, מיין טייערע,—האָט פעסט געענטפערט אואייט.

—כ׳וועל אַראָפּשטייגן בלויז אין אַן אַנדער אָרט.

די גרויסע שוואַרצע פויגל איז צום לעצטן מאָל פאַר-ביינעפלויגן פאַר די אויגן פון פאַרוואונדערטן עולם און איז נעלם געוואָרן אינם ענדלאָזן חושך.

אַרום איז געווען שטאָק-פינסטער און בלויז די ווייטע

פֿייערלאך פון די עלעקטרישע לעמפלאך ביים אייזנבאן־וועג האָבן אויסגעזען ווי אַ שמאָלע ליכטיקע שניר געצויגן איבער דער ערד. האָבן אויך געוויזן די ריכטונג.

— אַ סך איז מיר אויסגעקומען איבערצולעבן ביי מיין ערשטן פלי אינדערפֿינסטער. — האָט שפּעטער דערציילט אויאַטאָר — ווי פֿאַרהילט אין כּישוף איז געלעגן די גאַנצע וועלט אַרום און אַרום. אַ מאָדנער געפֿיל פון אומעט האָט מיך אַרומגעכאַפּט, בשעת כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז איך בין איינער אַליין, עלנד און איינזאַם, הויך איבער דער ערד, ווייט פון פריינד און נאָענטע. און אַרום איז שטיל, אַזוי אימהדיק שטיל, אַז דער גערויש פון מאָטאָר דוכט זיך אויס, ווי אַ רעווען פון אַ ווילדער חיה, און בלויז די ווייטע פֿייערלאַך פונם וועג ברענגען אַ גרוס פֿון דער פֿאַרלאָזענער וועלט.

צען מינוט איז דער עראָפּלאַן געפלויגן ווי געהעריק.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך דער מאָטאָר אָפּגעשטעלט און דער אוויאַטאָר האָט דערפילט, אַז ער פֿאַלט, ווי אַ שטיין, אין אַ מוראדיקן, שוואַרצן, פֿינסטערן תהום.

דאָס בלוט איז אויסגעזען פֿאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, אָבער שוין אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך געפּאַסט מוט און אָנגענומען די נויטיקע מיטלען. דער מאָטאָר האָט צום גליק, גענומען ווידער אַרבעטן, און דער עראָפּלאַן איז ווידער אַרויפגעפלויגן אין דער הויך.

אָבער דאָ האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַראָפּ פון ריכטיקן וועג. אַ לאַנגע צייט האָט ער אַרומגע־

בלאָנזשעט אין חושך פונם לופט־רוים, ביז וואנען ער האָט ווידער דערזען די פייערלאך פונם אייזנבאן.

ענדלאך האָט גענומען טאָגן.

אואייט האָט געהאָפט, אז זיינע צרות וועלן זיך ענדיקן צוזאמען מיט דער נאכט.

ס׳האָט זיך אָבער מיט א מאָל אויפגעהויבן א שטורים־ווינט, און אואייט איז געווען געצוואונגען זיך אראָפצולאָזן ביים שטעטל רעטשבי 120 וויאָרסט פונם ציל.

ס׳איז נאָך געווען זייער פרי. די איינוואוינער פון רעטשבי זיינען נאָך געשלאָפן, און דעם אויסגעמאטערטן לופטפליער איז אויסגעקומען העכער א האלבע שעה שטיין איינער אליין מיט זיין אפאראט אויפן פרייען פעלד און נאָך איינהאלטן דערצו דעם עראָפלאן, דער ווינט זאָל אים ניט אוועקטראָגן און ניט צעשמעטערן.

ענדלאך האָט א פאסטוך דערזען דעם לופטפליער, און באלד איז זיך כמעט דאָס גאנצע שטעטל צוזאמענגע־לאָפן, כדי צו באגריסן אואייטן.

אין א קורצער צייט ארום זיינען געקומען אין רעטשבי אויך אואייטס מוטער און פריינד, זיי האָבן אים אָבער גע־בראכט ניט קיין פריילאכע בשורה:

— פאָלאן איז שוין אין מאנטשעסטער.

ווי נאָר אואייט האָט דערהערט וועגן פאָלאנס ערפאָלג,

איז ער תיכף ארויפגעשפרונגען אויפן געזעם פון זיין פויגל און אויסגעשריען צום עולם, וועלכער האָט נאָך פון דער גיים נים געוואוסט:

— פּאָלאן איז שוין אין מאנטשעסטער! לעבן זאָל פּאָלאן!

— זאָל לעבן אואייט—האָט א דונער געטאָן צווישן עולם.

* *
*

אויך מיט פּאָלאנען האָט אויפן וועג געטראָפן א שיינע געשיכטע:

אינדערפרי, ווען ער האָט נאָך גערוט אין ליטשפעלד, איז אָנגעקומען אהין די ידיעה, אז אואייט איז שוין ארויס־געפלויגן בייגאכט פון ראדא און דארף באלד אָנקומען קיין ליטשפעלד.

— א גרויסער עולם ענגלענדער האָט זיך צונויפגעקליבן, אָפּווארטנדיק זייער לאנדסמאן.

פּאָלאן האָט דערווייל ארויסגעפירט זיין עראָפּלא און איז שוין געווען גרייט אים אוועקצולאָזן.

פלוצלונג האָט זיך הארט ביי דער פלי־מאשין באוויזן א קליינע ענגלענדערין—א 12־יאָריקע מיידעלע. זי האָט זיך אָנגעכאפּט אָן דעם עראָפּלאן און מודיע געווען:

— באלד קומט אהער מיסטער אואייט, איר מוזט ווארטן אויף א׳ם, און דאמאָלסט וועלן מיר זען, ווער וועמען ס׳וועט אריבעריאָגן!

מיט גרויס מי איז געלונגען צו איבערצייגן אואייטס קליינע פריינדין, אז פּאָלאן איז ניט מחויב צו ווארטן אויף זיין קאָנקורענט.

ערשט דאמאָלסט האָט זיך פּאָלאן געקעגט אויפהויבן.

אין אָנדערהאלבן שעה ארום האָט זיך שוין דער פראנצויזישער פליער באוויזן איבער מאנטשעסטער.

ווי דער גרויסער עולם ענגלענדער האָט ניט געוואָלט, אז דער ענגלענדער אואייט זאָל געווינען די פרעמיע, דאָך איז אלץ פארגעסן געוואָרן, בשעת פּאָלאנס פויגל האָט זיך באוויזן איבער די קעפּ.

מיט באגייסטערטע אויסרופן האָט דער עולם אויפגענומען דעם זיגער. זיין עראָפּלאן איז באשאָטן געוואָרן מיט בלומען און די חשובסטע לייט פון שטאָט האָבן באגריסט אין נאָמען פון אלע איינוואוינער דעם מוטיקן פראנצויז.

* * *

אָבער אויך אואייט האָט אינגיכן בארימט געמאכט זיין נאָמען מיט א סך אויסערגעווינלאכע לופט־נסיעות.

זיין ערשטע רייזע אינדערלופטן ביינאכט איז אים, ווייזט אוים, זייער געפעלן געוואָרן, ער האָט גענומען מאכן

אזוינע גאכט־רייזעס אלץ אָפטער און ענדלאך האָט ער זיך איינמאָל ביינאכט באוויזן אינדערלופטן איבער דער הויפּט־שטאָט פון ענגלאנד—לאָנדאָן.

ער האָט זיך עטלאכע מאָל ארומגעדרייט איבער די גרעסטע געביידעס פון דער שטאָט, האָט זיך אראָפּגעלאָזן אזוי נידעריק, אז ס'איז געפאלן אויף אים דער אָפּשיין פון די לאָנדאָנער עלעקטרישע לאמטערנעס, און מאכנדיק עטלאכע קונצן אינדערלופטן, האָט ער זיך בשלום אראָפּגעלאָזן אויפן לאָנדאָנער אַעראָדראם.*)

* *
*

נאָך די דאָזיקע אלע געלונגענע לופט־נסיעות, האָט מען זיך מיט דער לופטפליערײ פאראינטערעסירט אין אלע לענדער פון דער וועלט. איטלאכס לאנד האָט אויסגעבויט ספּעציעלע שולן פאר לופטפליער, יעדן חודש פלעגן אריינגע־טראָגן ווערן אלץ נייע ענדערונגען און אויסבעסערונגען. איצט קען מען שוין אָנציילן גאנצע צענדליקער טיפּן פון פארשיידענע עראָפּלאנען.

* *
*

אָט אזוי איז די וועלט ביסלאכווייז, א דאנק דער ענערגיע און מוט פון עטלאכע געלערנטע און פליער, דער־

*) אַעראָדראָם—אַ ספּעציעל צוגעריכטער פּלאץ פאר אַעראָפּלאנען אויפצוהייבן און אראָפּלאָזן זיך.

גאנגען צום שכל פון פליען אינדערלופטן.

און ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דעם ענין איז גאָר ניט אזוי שווער צו פארשטיין, ווי ס'קען זיך אויסדוכטן פון ערשטן בליק.



פאַרשיידענע טיפּן פון עראָפּלאַנען.

חאָרים חאָם איז אזוינס אַן עראָפּלאַן? פון ווייטן האָט
ער דעם אויסזעען פון א ריזיקן פויגל אָדער פון א נ[illegible]
קער גריל. אין דער אמתן אָבער קען מען אים פארגלייכן

מיטן פשוטן פאפירענעם שלאנג, וועלכן קינדער האָבן אזוי ליב צו לאָזן אינדערלופטן אָנגעבונדן אויף א שטריקל.

פארוואָס דאָס איז אזוינס וועט באלד דערקלערט ווערן.

דער אעראָפּלאַן איז שווערער ווי די לופט און הענגען אינדערלופטן קען ער בשום אופן ניט.

ווען מען זאָל דעריבער אָפּשטעלן די קראַפט, וועלכע טרייבט דעם אעראָפּלאַן, אזוי אז ער זאָל בלייבן בלויז הענגען, וועט דער אעראָפּלאַן גלייך אראָפּפאלן אויף דר'ערד, ווי א שטיין.

דערפאר אָבער, בשעת ער באוועגט זיך, קען ער זיך האלטן הויך איבער דער ערד, ווי לאנג נאָר דער פליער וויל.

דאָס קען געמאָלט זיין א דאנק דעם, וואָס דער אעראָפּלאַן פליט פונקט אזוי ווי א פויגל.

דער קערפּער פון דעם פויגל איז אויך שווערער, ווי די לופט, און ווען מ'זאָל ביי א פויגל אראָפּשניידן אָדער צו־נויפבינדן די פליגלען, וואָלט עס אויך אפילו אויף א רגע ניט געקענט זיך האלטן אינדערלופטן.

אָבער בשעת דער פויגל שפּרייט פונאנדער זיינע פליג־לען, האלטן זיי אונטער דעם שווערן קערפּער, און דער פויגל פליט. דאָס האָט שוין באמערקט, ווי אויבן איז שוין דער־ציילט געוואָרן דער געלערנטער לעאָנארדאָ־דע־ווינטשי מיט

300 יאָר צוריק.

דער אעראָפּלאַן האָט נישט קיין פליגלען. ער פארמאָגט דערפאר „פלאַנען", ס'הייסט גרויסע ראמען, וועלכע שפארן זיך אָן אין דער לופט און דינען אָנשטאָט פליגלען.

שוין די פרובן מיט די פאַל־שירעמס האָבן איבערצייגט די מענטשן, אז אויף א ברייטער איבערפלאַך ווירקט דער ווינט מיט זייער א גרויסן כוח אזוי, אז ער איז ביכולת אפילו אונטערצוהאַלטן דעם שירעם ער זאָל נישט אראָפּפאַלן האסטיק.

מ'האָט אויך באמערקט, אז אויב מ'זאָל נעמען א פלאכע שטיק טיקטור, ווי די פאפירענע שלאַנגען, מיט וועלכע קינדער שפילן זיך, אָנבינדן דערצו א שטריקל און האַלטן דעם „שלאַנג" עטוואָס אָנגעבויגן קעגן ווינט—וועט דער שלאַנג גע־מען ארויפפליען ארויפצו.

דאָס קומט פאַר דערפאַר, וואָס די לופט בשעת א ווינט, שפארט אויף אים פון אונטן און שטופּט אים ארויפצו.

דאָס איז אָבער אַלץ גוט, ווען ס'בלאָזט א ווינט, ווי וועט אָבער זיין ביי א שטילן וועטער, ווער וועט דאַמאָלסט הויבן דעם שלאַנג? יעדער אינגל וועט אייך אָבער דערציילן, אז דאַמאָלסט גיט ער זיך אן עצה דערמיט, וואָס ער נעמט האסטיק לויפן.

און אין דער אמתן, מ'האָט באמערקט, אז ווען א שיף

באוועגט זיך ניך, פילט מען אויף דער פאליטע, ווי ס'בלאָזט א ווינט, אפילו בשעת די לופט ארום איז פולשטענדיק רו־איק און אומבאוועגלאך.



דאָ זעט איר א פאפירענעם שלאַנג. דער ווייזער פון רעכטס באַווייזט די ריכטונג פון ווינט. בשעת דער ווינט טרעפט אָן דעם שלאַנג, קען ער ווייטער נית בלאָזן אין דערזעלביקער ריכטונג און בויגט זיך אָפּ אין דער ריכטונג פונם ווייזער B. דעריבער שפּאַרט ער אָבער אויך אויפן שלאַנג און הויבט אים אויף ארויפצו אין דער ריכטונג C. אוועקשלעפּן דעם שלאַנג מיט זיך קען נית דער ווינט, מחמת דער שלאַנג איז צוגעבונדן, דעריבער ווערט דער כוח ון ווינט פארוועגדט אויף טרייבן דעם שלאַנג ארויפצו.

דערפון האָט מען פארשטאנען, אז ביי א גיכער באוועגונג קען מען אפילו אין א שטילן וועטער באקומען א ווינט.

און אויב ס'וואָלט זיך איינגעגעבן אויף דעם אָדער יע־

נעם אופן כסדר צו שטופן פון הינטן דעם שלאנג, וואלט ער געפלויגן אפילו אין דעם רואיקסטן וועטער.

אט אין דעם באשטייט טאקע דער גאנצער קונץ פו דעם עראָפּלאן.

פארשטאנען האָט מען עס שוין פון לאנג, אָבער פארווירקלאכן האָט מען עס געקענט בלויז דאמאָלסט, ווע ס'זיינען אנדעקט געוואָרן די גרינגע און שטארקע מאָטאָרן, וועלכע דרייען די פּראָפּעלערס מיט א גרויסער גיכקייט. דאָס האָט גלייך געגעבן דער לופטפליערײ א שטארקן שטופּ פאָראויס.

געבוים איז דער עראָפּלאן, ווי ס'איז צו זען פון די געמעלן זייער פשוט ער באשטייט פון איינעם אָדער צווי לאנגע „פלאנען". זיי זיינען געמאכט פון א דינעם אָבער שטייפן שטאָף.

ביי די פלאנען איז איינגעאָרדנט דער אָרט פארן פליער און די פאסאזשירן, דאָרטן איז אויך צוגעפעסטיקט דער הויב-רודער, וועלכער קען איינבויגן די פלאנען, אָדער האלטן זיי האָריזאָנטאל, אויך דער מאָטאָר און דער גרויסער שרויף מיט די פליגלען, וועלכער דרייט זיך מיט א גרויסער גיכקייט.

דער גאנצער עראָפּלאן איז אָנגעטאָן אויף לייכטע רעדלאך.

דער אוויאטאָר (לופטפליער) לאָזט אוועק דעם מאָטאָר, וועלכער ברענגט אין באוועגונג דעם שרויף.

דער שרויף דרייט זיך אלץ האסטיקער און ברענגט אין באוועגונג דעם עראָפּלאַן, וועלכער נעמט לויפן איבער דער ערד, ווי א דאמף־שיף איבערן וואסער.

א דאנק דער גיכער באוועגונג באקומט זיך א לופט־שטראָם; דער ווינט הויבט אָן צו שפּארן אויף די אָנגעבוי־גענע פלאנען און הויבט אויף דעם גאנצן עראָפּלאַן אין דער הויך.

ווען די פלאנען וואָלטן אלץ געווען אָנגעבויגן קעגן ווינט, וואָלט זיך דער עראָפּלאַן געהויבן אלץ העכער און העכער אָן אן אָפּהאלט.

כדי עס אויסצומיידן, נעמט זיך דער פליער צום הויב־רודער און מיט זיין הילף גלייכט ער אוים די פלאנען, ס'הייסט ער שטעלט זיי האָריזאָנטאל, און דער עראָפּלאַן הערט זיך אויף צו הויבן.

א דאנק זיין שווערקייט נעמט ער זיך אראָפּלאָזן, אָבער דער קלענסטער דריי פון רודער שטעלט ווידער די פלאנען עטוואָס קעגן ווינט, און דער עראָפּלאַן הויבט זיך אויף ווידער

און גאנץ גיך גיט זיך איין א גוטן לופטפליער אזוי איינצושטעלן די פלאנען, אז דער עראָפּלאַן זאָל זיך אויף־הערן סיי אויפהויבן, סיי אראָפּלאָזן.

פון הינטן איז דעם עראָפּלאַן אויך צוגעפעסטיקט

א רודער, וועלכער קירעוועט אים אין דער אָדער יענער ריכטונג.

* * *

וואָס ווייטער ווערן די עראָפּלאַנען אַלץ מער אויס־געבעסערט און ס'ווערן דערגרייכט אויף זיי אַלץ גרעסערע ערפאָלגן.

א גרויסע פאַרוואונדערונג האָט ארויסגערופן מיט 7 יאָר צוריק דער פראַנצויזישער פליער בראָנדעזשין־דע־מולינע, וועלכער איז אריבערגעפלויגן פון פאריז קיין וואַרשע אין איין טאָג און האָט זיך אויף דעם לאַנגן וועג אָפּגעשטעלט בלויז אין איין אָרט—אין בערלין.

נאָך אין א יאָר ארום האָט דער פראַנצויזישער פליער ווערדרין דורכגעמאַכט אויף זיין עראָפּלאַן א נסיעה פון פאריז אין שפּאַניען איבער די הויכע פירענעאישע בערג, און א צווייטער פליער גאַראָ איז אריבערגעפלויגן פאַר איין מאָל אין 7 שעה מיט 55 מינוט די גאַנצע ברייט פון מיטללענדישן ים.

א יונגער שווייצארישער פליער מיטן נאָמען פּארמע־לען איז אין יאָר 1914 אריבערגעפלויגן איבער די הויכע אַלפּן־בערג און איבער דעם העכסטן באַרג־שפּיץ אין איי־ראָפּע מאָנבלאַן (5390 מעטער—העכער 5 וויאָרסט די הויך!)

דער פראַנצויזישער פליער פּעגו האָט אין יאָר 1913 באַוויזן, אז קיין שום געפאַר איז אונדערלופטן ניט שרעקל

לאָך. ער פּליִעגט אָפּשטעלן דעם מאָטאָר, איבערקערן זיין אעראָפּלאַן און אזוי פאלן פון א גרויסער הויך מיטן קאָפּ אראָפּ. ערשט נאָענט ביי דער ערד פּלעגט ער דעם אעראָ־פּלאַן צוריק איבערקערן, אנטקלאָזן דעם מאָטאָר און זיך אויפהויבן צוריק ארויפצו. *)

אין יאָר 1914 איז געווען א פּראָיעקט איינצוארדענען א לופט־רייזע ארום דער וועלט. די פליער וואָלט אויסגעקו־מען פליען איבער הויכע בערג און ווייטע ימים, אין איין אָרט וואָלטן זיי געמוזט דורכמאכן איבערן אטלאנטישן אָקעַ־אַן א מהלך פון 1300 וויאָרסט אָן אן אָפּהאַלט.

דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט גלייך ארויסגערופן א סך בעלנים צווישן די לופטפליער, און בלויז די וועלט־מלחמה האָט געשטערט, ער זאָל זיך פארווירקלאכן.

אָבער אויך אין דער וועלט־מלחמה האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט די אנטוויקלונג פון דער לופטפליעריי, און אומע־טום אויף אלע פראָנטן זיינען די אעראָפּלאנען אויסגענוצט געוואָרן דורך די קריג־פירנדיקע צדדים.

די גרויסע ערפינדונג איז פארנוצט געוואָרן כדי צו פארגרעסערן די בלוטפארגיסונג און ניט איין איבעריקער קרבן איז געפאלן צוליב דעם.

מ'דארף אָבער האָפן, אז צו די מלחמות נעמט שוין

*) פּעגו איז געפאלן אין א לופט־שלאכט אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

אן עק, און די עראָפּלאַנען וועלן זיך צוריק נעמען צו זייער גרויסער פרידלאַבער ארבעט, צום פארלייכטערן דעם מענטשן די באוועגונג איבער דער וועלט, צום דורכלייגן פאר אים א פרייען וועג אין דעם אומענדלאכן לופט-אָקעאַן.

דעם ערשטן גרוס וועגן דער באנייאונג פון דער פרידלאַבער און נוציקער ארבעט פון די עראָפּלאַנען האָבן שוין געבראַכט ניט לאַנג די צייטונגען, וועלכע האָבן אונז דערציילט, אז די עראָפּלאַנען, וואָס פליען צווישן פאריז און לאָנדאָן, האָבן אין איין חודש אריבערגעפירט 3932 פּאַסאַזשירן און 160 טויזנט ענגלישע פונט משא!

און ס׳גייט שוין איצט כמעט ניט אריבער קיין טאָג, מיר זאָלן ניט באַקומען א נייעם גרוס פון דער פרידלאַבער אויסנוצונג פון די עראָפּלאַנען. אזוי, למשל, איז שוין איינגעשטעלט געוואָרן א לופט-פּאַרקער צווישן ווארשע און פּאַריז, ווי אויך צווישן אלע אנדערע גרויסע צענטרען פון דער וועלט.

און די אמעריקאנער צייטונגען דערציילן אונז פון נייע גרויסע ערפאָלגן, וועלכע ס׳האָט דערגרייכט דער אמעריקאַנער פליער ראָלף, אריבערפליענדיק איבער דעם העכסטן בארג פון דער וועלט גויריזאנקאר.

בּיסלאַכווייז ווערן אויך די עראָפּלאַנען צוגעפּאַסט פאַרן טאָג-טעגלאַכן געברויך. אן אמעריקאַנער יידישע צייטונג דערציילט אונז, אז עס זיינען שוין איצטער פאראַן

עראָפּלאנען, וואָס ווערן אויסגעהאלטן פון פּריוואטע קאָמ־פּאניעס און וואָס פירן פּאסאזשירן, און—עס באצאָלט זיך! אזעלכע פּריוואטע קאָמפּאניעס זיינען פאראן אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך, אין ענגלאנד און אין אמעריקע. און איינע פון די אינטערעסאנטסטע אונטערנעמונגען איז די קאָמפּאניע, וואָס פירט פּאסאזשירן צווישן פלאָרידא, האוואנא און קובא.

די קאָמפּאניע האָט אפּגעקויפט עטלאכע עראָפּלאנען פון דער אמעריקאנער און ענגלישער רעגירונגען און האָט זיי צוגעפּאסט צו פירן פּאסאזשירן. איצטער פליען די אע־ראָפּלאנען צווישן אָט די דריי פּונקטן גאנץ רעגלמעסיק.

מען האָט פריער געמיינט, אז קיין סך בעלנים, וואס זאָלן וועלן פליען מיט עראָפּלאנען צוליב געשעפט, וועט מען ניט קענען געפינען. עס איז אָבער געווען א טעות. פּא־סאזשירן זיינען דאָ גענוג, און די קאָמפּאניע מאכט גוטע גע־שעפטן, עס קאָסט צוויי מאָל אזוי טייער, ווי פאָרן דעם זעלבן וועג מיט א שיף, עס איז אָבער באקוועמער אין פיל הינזיכטן, און דעריבער לוינט עס פאר די געשעפטס־לייט.

ערשטנס, מאכט מען די רייזע אין א זייער קורצע צייט. דאָס ווארטן אויף דער שיף, וואָס דארף פארלאָזן דעם האפן, און דאָס פאָרן מיט דער שיף נעמט אוועק א סך צייט. און פליענדיק מיטן עראָפּלאן געווינט מען א גאנצן מעת־לעת ביי יעדער „רייזע". און א חוץ דעם איז עס א סך באַ־

קוועמער, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס אויף דעם עראָ־פּלאַן ווערט מען ניט פאַרוויגט ביז א קראַנקייט, ווי דאָס קומט פאָר אויף א שיף.

און דער עראָפּלאַן איז אויסגעמעבלירט און באַפּוצט, ווי אַן ערשטקלאַסיקער האָטעל, מיט באַקוועמע שטולן, מיט שיינע טישלאך, מיט פּראַכטפולע גאַרדינען. אפילו א באַקוועמער וואַש־צימער איז אויך דאָ פאַראַן. יעדער פּאַסאַזשיר זיצט זיך ביי א באַזונדער פענסטער און זעט אונטער זיך די לאַנדשאַפטן אויף דעם באַקוועמסטן אופן.

* * *

דאָס זיינען עראָפּלאַנען, וואָס ווערן אויפגעהאַלטן פון קאָמפּאַניעס אריבערצופירן פּאַסאַזשירן פון אָרט צו אָרט. און איצט מאַכט מען שוין אויך אַזעלכע קליינע עראָפּלאַנען פאַר דעם פּריוואַטן געברויך פון איינצלנע פּערזאָנען. זיי זיינען אַזוי קליין, אז עס דאַכט זיך, אז זייער איינציקער פּאַסאַ־זשיר איז שוין באַלד גרעסער, ווי די גאַנצע מאַשין. איינער אַזאַ עראָפּלאַן איז ניט מער ווי 16 פוס די לענג און נאָך וויניקער פון 10 פוס די ברייט, שוין אריינגערעכנט די צוויי פּאָר פליגלען פון ביידע זייטן.

און אָט די קליינינקע עראָפּלאַנעלאך פליען אויך, און מאַכן ניט וויניקער ווי 90 ביז 95 וויאָרסטן א שעה. אַזאַ קליינעם עראָפּלאַן קען מען שוין האַלטן אין א קליי־

נעם שייער.

און ווער ווייס, ס׳קען זיין, אז נאָך אונז און אויב ניט אונז, איז דעם קומענדיקן דור געוויס, וועט זיין באַשערט צו פאָרן אינדערלופטן, פונקט אזוי פריי און זיכער, ווי מיר פאָרן איצט אויף אייזנבאנען און דאמף־שיפן.

פריילאכע און לוסטיקע נסיעות וועלן עס זיין—א סך פריילאכערע, ווי די א־צטיקע רייזעס אויף דער אייזנבאן.

אוועקגעזעצט—און פאָר זיך אין וועגן און שטעגן, פריי און פראנק, וואו נאָר דיין הארץ גלוסט זיך!

און דאמאָלסט וועלן די מענטשן מיט דאנק און יראת־הכבוד דערמאָנען די אלע, וואָס האָבן מיט זייער בלוט באַפרוכפּערט דאָס פעלד פון מענטשלאכע ערפאָלגן און עראָבערונגען!

געזעצט
יאָסל שמערעלס.

OPANOWANIE SUSZY,
WODY i POWIETRZA.
III
DROGA w POWIETRZE.
OPRACOWAŁ DAWID.
WYDAWNICTWO
„KULTUR LIGE“
BIAŁYSTOK.
DRUKARNIA
M. PRUŻAŃSKIEGO
BIAŁYSTOK. № 63. 1921.

פארלאג „קולטור-ליגע" ביאליסטאק.

1. כללים וועגן נייעם אויסלייג.
2. קרילאָווס משלים—איבערזעצט פ. קאפלאן.
3. די שניי מלכה—י. פאט.
4. ביים סטאָלער— „
5. מאיאָ— „
6. מארגאריטקע—אנדערסען.
7. וואָס דער צימער דערציילט—פ. אווענאריוס.
8. אַ דין תורה מיט אַ קלאָץ—י. רובין.
9. דער הארבסט ווינט אויף דער רייזע—ס. רייגהיימער.
10. וועגן אַ קאץ, וואָס האָט אליין געמאכט אירע שפאצירן—ר. קיפלינג.
11. געאָמעטריע—מ. זאבלודאָווסקי.
12. וועגן ים און יבשה—י. נאָוואגרודסקי.
13. ווי אזוי איז געשריבן געוואָרן דער ערשטער בריוו—ר. קיפלינג
14. די איינוואוינער פון די ימים—י. נאָוואָגרודסקי.
15. די בינען-מלכה— ק. עוואלד.
16. דער באָטשאן און דער רעגנוואָרים— „
17. דער היישעריק— „
18. אטאלעא-פרינצעפס—וו. גארשין.
19. ווי אזוי פאַרט מען איבער ימים—י. נאָוואָגרודסקי.
20. די פאראייניקטע שטאטן פון צפון-אמעריקע I טייל
21. „ „ „ „ „ II טייל י. נאָוואָגרודסקי.
22. דער צוויי־פיסיקער—קארל עוואלד.
23. די ערד און די קאָמעטע—קארל עוואלד.
24. חנהלעם מעשהלאך I—מאמין סיביריאק.
25. „ „ II „ „
26. דער וועג אינדערלופטן—דודל.
27. פאר שול און היים (כרעסטאָמאטיע)—ח. ש קאזדאן.
28. ווי פון א פיש איז א פראָש געוואָרן—א. גאָלאָמב.
29. דאָס ערשטע מאָל אין וואלד—א. גאָלאמב.